STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 06409

MANI LEYB

Hyman B. Bass

•

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

א מתנה פון מחבר

חיים בעז

מאַני לייב

מאָנאָגראַפיע

פאַרלאַג „המנורה" תל־אביב

תשל"ח—1978

חיים בעז

מאַני לייב

מאָנאָגראַפיע

•

© Copyright by
Hyman Bass, 1978
25 East 78th Street., New York, N.Y. 10021

Second printing U.S.A.
1978

געדרוקט ביי די ברידער שולזינגער

Printed in U.S.A. by
SHULSINGER BROS., INC.

מאַני לייב און די ליטעראַרישע גרופּע „די יונגע"

א) אַריינפיר

אין דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור אין די פאַר־אייניקטע שטאַטן קען מען אונטערשיידן דריי תקופות: די ערשטע ליטעראַרישע תקופה איז די עפּאָכע פון סאָציאַלער דיכטונג. די גרויסע נעמען אין יענער צייט זיינען: מאָריס ווינטשעווסקי, דוד עדעלשטאַט, יוסף באָוושאָווער און מאָריס ראָזענפעלד. אַרום זיי האָט זיך גרופּירט אַ גאַנץ באַדייטנדיקע גרופּע יידישע דיכטער און פּראָזע־שרייבער. אין זייער צייט האָבן זיי געשאַפן דעם טאָן פאַר דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע. דאָס איז געווען אַ ליטעראַטור פון סאָציאַלן פּראָטעסט, פון שילדערן די אַרבעטער־נויט און פון וועקן ביי די אונטערדריקטע מאַסן זייער קאַמפּסלוסט און די האָפענונג אויף אַ גליקלעכערן מאָרגן.

דער צווייטער פּעריאָד אין דער אַמעריקאַנער יידישער ליטעראַטור ברענגט אַרויס כוחות, וואָס זוכן אַ פולע אַפּלייקענונג פון יענע טענ־דענצן, וואָס האָבן במשך פון אַ פערטל יאָרהונדערט באַהערשט די שרייבער פון דער סאָציאַלער תקופה. ניט דער סאָציאַלער פּראָטעסט ווערט גע־שטעלט אין צענטער, נאָר דער מענטשלעכער „איך", דער מענטשנס אינעווייניקסטע וועלט פון איבערלעבונגען און שטימונגען. די נייע נעמען, וואָס באַווייזן זיך אין דער ליטעראַטור, זיינען: מאַני לייב (1883—1953), דוד איגנאַטאָוו (1885—1954), יוסף אָפּאַטאָשו (1886—1954), זישאַ לאַנדוי (1889—1937), אברהם דילאָן (1883—1934), א. ראַבאַי (1883—1944), און ראובן אייזלאַנד (1884—1955). דאָס איז די גרופּע, וואָס האָט זיך באַצייכנט אין דער ליטעראַטור ווי די „יונגע".

אַ ביסל שפּעטער קומט אויף די ליטעראַרישע ריכטונג, וואָס רופט זיך אָן „אין־זיך". אויך די „אינזיכיסטן" הייבן אַרויס די אינעווייניקסטע וועלט פון מענטשן, זיינע ראַנגלענישן און זיינע קאָנפליקטן. די „אינזי־

כיסטן" האָבן אָבער אַן אינטערעס אויך אין דער אינטעלעקטועלער וועלט פון מענטשן. זיי מיינען, אַז פון די ראַנגלענישן, וואָס באַאומרויִקן דעם יחיד קען מען ניט באַזייטיקן די סאָציאַלע און די פּאָליטישע וועלט. די וויכטיקע נעמען צווישן די „אינזיכיסטן" זענען געווען: א. לעיעלעס (1889—1966), יעקב גלאַטשטיין (1896—1971), נ. ב. מינקאָוו (1893—1958), און ב. אַלקוויט (1896—1963).

איין שטריך פאַראייניקט סיי די גרופּע „אין זיך" און סיי די גרופּע „יונגע". דאָס איז געווען זייער דראַנג צו באַשאַפן אין יידיש אַ נייעם פּאָעטישן סטיל, עקספּערימענטירן מיט נייע, מער מאָדערנע פאָרמען, באַשאַפן פון יידיש אַ מער געלייטערטן אינסטרומענט, וואָס זאָל ברענגען צום אויסדרוק אַלע נשמה־איבערלעבונגען פון היינטיקן יידישן מענטשן.

דאָס אָנקומען פון די „יונגע" און די „אינזיכיסטן" אין דער יידישער ליטעראַטור האָט אין תוך מיט זיך פאָרגעשטעלט דעם „שטורעם און דראַנג־פּעריאָד" אין יידישן ליטעראַרישן לעבן פון אַמעריקע. יענע תקופה האָט פּראַקטיש באַשטימט דעם גורל און דעם ווייטערדיקן אַנטוויקלונגס־וועג פון דער נייער יידישער ליטעראַטור. דאָס זיינען געווען די יאָרן פון גרויסן באַרג־אַרויף אין דער מאָדערנער יידישער שאַפונג.

דער דריטער פּעריאָד, וואָס הייבט זיך אָן אין סוף 30ער און אָנהייב 40ער יאָרן, קען מען כאַראַקטעריזירן ווי אַ ליטעראַרישע תקופה, ווען קינסטלערישע מאַניפעסטן און בכלל גרופּירונגען שפּילן מער ניט אַזאַ וויכטיקע ראָלע. בכלל הייבט אָן צו ווירקן און באַקומען אָנערקענונג דער אייגנאַרטיקער כאַראַקטער און טאַלאַנט פון יעדן וויכטיקן שריפטשטעלער; יהואש, ה. לייוויק, יוסף אָפּאַטאָשו, א. גלאַנץ־לעיעלעס, י. י. שוואַרץ, מאַני לייב, יעקב גלאַטשטיין, אפרים אויערבאַך, יוסף ראָלניק, זיינען שוין גענוג קלאָרע און אויסגעפורעמטע שרייבער־פּערזענלעכקייטן אין דער אַמעריקאַנער יידישער וואָרט־שאַפונג. דאָס איז די צייט, ווען עס ווערט אָפּגעשאַצט דער קינסטלערישער און ליטעראַרישער אויפטו פון שרייבער, ווי אַ יחיד. דערצו איז גורם די העכערע ליטעראַרישע קוואַליטעט, וואָס עס ווייזן אַרויס די יידישע שרייבער אין יענער תקופה; יעדער איינער פון די שריפטשטעלער האָט שוין גענוג שעפעריש זיך אויסגעפורעמט און מען פילט ווי יעדער איינער האָט אַן אייגענעם וועג אויסגעטראָטן אין דער ליטעראַטור.

אין יענער צייט ווערט באַזונדערס וואָך דער באַוווּסטזיין פון אַ נאַ־ציאָנאַלער ליטעראַטור. גראָד ווייל עס ווירקן שוין אין דער אַמעריקאַנער יידישער פּראָזע און דיכטונג גרויסע שרייבער־געשטאַלטן, שטאַרקט זיך דער באַוווּסטזיין פון אַ נאַציאָנאַלער ליטעראַטור, וואָס שפּרייזט אַריבער יידישע ישובים; אין די דרייסיקער יאָרן דיסקוטירט מען שוין ניט צי פאַרמאָגן מיר אַ גרויסע פאָלקס־ליטעראַטור, נאָר אַזעלכע פּראָבלעמען ווי „ווּ געפינט זיך דער יידישער ליטעראַרישער צענטער, אין וואַרשע, מאָסקווע, צי אין ניו־יאָרק?"

ב) ווי איז אויפגעקומען די גרופּע „יונגע"

עס קען זיך אויסדוכטן מאָדנע און אויסטערליש, ווי אַזוי, אויפן באָדן פון דער אינדוסטריעלער אַמעריקע, אין דער צייט פון אַזעלכע שאַרפע סאָציאַלע קאָנפליקטן, זאָל אויפקומען אַן אינדיווידואַליסטישע ריכטונג ווי די פון דער גרופּע „יונגע". עס האָבן אַ פּנים, געווירקט אַ היפּשע צאָל פאַקטאָרן גאַנץ אומאָפּהענגיק איינער פון דעם אַנדערן. די באַזונדערקייט, עכטקייט פון לעבנס־געפיל, וואָס קומט צום אויסדרוק ביי די די „יונגע", איז בפירוש אַ פאַקט פון לעבן. די יונגע זיינען אין תוך, לויט זייער גאַנצן געמיט־צושטאַנד, אַנדערש פון דעם עלטערן דור שרייבער. דער אונטערשייד גרייכט טיפער ווי אַן אונטערשייד אין יאָרן. די אַנדערשקייט רירט אָן אַזעלכע באַזונדערע געביטן, ווי די שליחות פון שרייבער, די גרונט־באַציִונג און די שטעלונג צום לעבן, סיי צום לעבן פון יחיד און סיי צום לעבן פון כלל, די באַציִונג צום וואָרט, בעיקר וואָרט ווי אַן אינסטרומענט פון שאַפן. דער גאַנצער פאָעטישער קאַנאָן איז ביי די יונגע שרייבער אַן אַנדערער ווי ביי דעם עלטערן דור.

וואָס האָט גורם געווען די וויכטיקע ענדערונג, וואָס איז פאָרגעקומען אין דער יידישער דיכטונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן?

א) ווי מען זאָל ניט פאַרטייטשן די השפעה פון „צייטגייסט", קען מען ניט פאַרבייגיין, אַז דער דור „יונגע" האָט איבערגעלעבט די אַנטוי־שונגען פון דער דורכגעפאַלענער רעוואָלוציע אין רוסלאַנד ביים אָנהייב פון אונדזער יאָרהונדערט. די שטימונגען פון אָפּגאַנג, רעזיגנאַציע און נשמה־ביטערניש האָבן זיך אָפּגעשטעמפּלט טיף און ווייטיקדיק אויף די

נשמות פון יונגע מענטשן. שאַרפער ווי פריִער האָט מען דערפילט די ווירקלעכקייט פון אייגענעם לעבן. דאָס איז געווען מער ווי מעלאַנכאָליע און אומצופרידנקייט. עס איז געווען אַ ביי געפיל פון אַן אויסטערלישער פאַרפרעמדונג, אין וועלכער דער מענטש האָט זיך געפונען.

צום קלאָרסטן האָט די שטימונגען אָפּגעשפּיגלט (צווישן 1906—1914) אין זיינע געדרוקטע קריטישע אַרבעטן, און נאָך מער אין זיינע טאָגבוך־פאַרצייכענונגען און בריוו, דער רוסישער שרייבער־סימבאָליסט אַלעקסאַנ־דער בלאָק (1880—1921). ער רופט זיין אייגענע שטימונג „די שטימונג פון מונטערן אומעט״. עס איז פאַראַן טראַגיקייט, אַנטשלאָסנקייט, וואָס גייט צוזאַמען מיט אַ טיפער איבערלעבונג פון דער גרויזאַמקייט, וואָס די צייט האָט באַשערט. עס ווירקט אָבער אויך אַ געפיל, אַז אין דעם מענטשן אַליין זיינען פאַראַן פאַרבאָרגענע כוחות פון פרייד, פון אַנט־פּלעקונג און פון גליק.

„רעוואָלוציע״, „רעאַקציע״, „פּאָליטישער רעזשים״ זיינען אַלע סוף כל סוף סאָציאַלע און קאָלעקטיווע דערשיינונגען. עס לעבט און עס ווירקט אָבער דער מענטש — דער יחיד. אין אים קען מען אויפוועקן כוחות, וואָס זיינען נאָך באַגראָבן און פאַרשאָטן טיף, טיף.

ב) אין אַ וועלט פון אַזעלכע איבערלעבונגען און שטימונגען האָט געפונען פאַר זיך אַ פּרוכטבאַרן באָדן דער מערב־אייראָפּעיִשער סימבאָ־ליזם און אימפּרעסיאָניזם אין דער דיכטונג. ער איז געקומען צו דער יידישער ליטעראַטור הן דירעקט, בכלל אָבער — דורך דער פאַרמיטלונג פון די רוסישע פּאָעטן. די נאָענטע שייכות פון דער פראַנצויזישער ליטע־ראַטור און דער רוסישער ליטעראַטור איז שוין אַ פאַקט, וואָס געהערט צום ערשטן פערטל פון 19טן יאָרהונדערט. אַלעקסאַנדער פּושקין קען דאָ דינען ווי אַ פּראָטאָטיפּ פאַר די ווייטערדיקע דיכטער. זיין צונויפגע־בונדנקייט מיט דער פראַנצויזישער און בכלל מערב־אייראָפּעיִשער קולטור און דיכטונג איז אַן אינעווייניקסטע און אַן אינטימע. און פאַר וואָס נאָר מיט דער פראַנצויזישער? אויך מיט דער זיינצייטיקער ענגלישער ליטע־ראַטור איז ער געווען טיף פאַרבונדן.

עס איז מערקווערדיק, ווי נאָענט און באַקאַנט עס זיינען געווען די גרופּע ניו־יאָרקער יידישע פּאָעטן מיט אַזעלכע מערב־אייראָפּעיִשע שרייבער, ווי ווערלען, פאָן־האָפמאַנשטאַל, רילקע און אַנדערע. דער נייער

דור יידישע פּאָעטן האָט זיך געשטעלט מיטן פּנים צו די גרויסע עקספּע־רימענטן, וואָס זיינען געמאַכט געוואָרן אין דער מערבֿ־אייראָפּעיִשער ליטעראַטור. באַזונדערס שטאַרק האָט געווירקט די נאָענטקייט און גע־בונדנקייט מיט די מאָדערנע דיכטער־סימבאָליסטן און אימפּרעסיאָניסטן אין דער רוסישער פּאָעזיע.

ג) עס האָט אויך געווירקט אין יענער איבערגאַנגס־תּקופֿה אַ שטימונג, וועגן וועלכער מען האָט דעמאָלט גערעדט ווייניק, ווייל אַרויסזאָגן אָפֿן און קלאָר איז געווען פֿאַרבונדן מיט שטעלן זיך אין גאַנצן אַנטקעגן דעם „צייטגייסט". ערשט די שווערע איבערלעבונגען נאָך די רעוואָלוציעס, וועלכע זיינען געקומען ביים סוף פֿונעם ערשטן וועלטקריג, האָבן באַשאַפֿן אַ געוויסע גרייטקייט אויפֿצונעמען דעם טראַגישן געדאַנק.

ה. לייוויקס פּאָעטישע דראַמע „דער גולם", וואָס ער האָט פֿאַרפֿאַסט אין די יאָרן 1917—1921, האָט שוין אַרויסגעהויבן די פֿאַרצווייפֿלענדיקע מחשבֿה, אַז רעוואָלוציעס קענען ברענגען ניט נאָר באַפֿרייונג, נאָר אויך אַ גרויסע סכּנה פֿאַרן יחיד און פֿאַרן קאָלעקטיוו. אײנעם גאַנג פֿון רעוואָ־לוציאָנערע געשעענישן קען אויך די פֿרייהייט געשענדט ווערן; דער מענטש קען ווערן באַדריקט; דער ליכטיקער גאַנג פֿון מענטשן צו באַפֿרייונג האָט אויך סתּירות, גרויסע סכּנות און אַנטוישונגען. נאָך דער גרויסער און וואַגנדיקער י. ל. פּרץ האָט געקאַנט די ביטערע און מעלאַנ־כאָלישע געדאַנקען אַרויסברענגען ביים אָנהייב פֿון אונדזער יאָרהונדערט; אבֿרהם רייזען גיט אין זיינע מעמואָרן אַ פּאַראַפֿראַזע פֿון פּרצעס געדאַנ־קען־גאַנג. ביי פּרצן קומען זיי אַרויס שאַרפֿער. עס איז אינטערעסאַנט, אַז רייזען האָט די פֿאָרמולירונג פֿון זיין רבין געמוזט „מילדערן". י. ל. פּרץ האָט געשריבן:

„מיין האַרץ איז מיט אייך. מיין אויג ווערט ניט זאַט פֿון אייער פֿלאַמענדיקער פֿאָן; מיין אויער ווערט ניט מיד הערנדיק אייער מעכטיק געזאַנג. מיין האַרץ איז מיט אייך; זאַט דאַרף זיין דער מענטש, און ליכטיק דאַרף אים זיין... און פֿריי מוז ער זיין, און האָבן איבער זיך צו שאַפֿן, איבער זיך און זיין אַרבעט.

און אַז איר בייסט די פּויסט, וואָס וויל אייך אייער פֿריי וואָרט, אייער ברענענדיקן פּראָטעסט צוריק אַריינזעצן אין דער קעל, מען זאָל עס ניט הערן — פֿרייט מיך; בעט איך גאָט, ער זאָל אייך שאַרפֿן די ציין. און

ווען איר מאַרשירט אויפן אַלטן סדום און ווילט עס איינרייסן, גייט מיט נשמה מיט אייך; און די זיכערקייט, אַז איר מוזט זיגן, מאַכט מיך פרי און וואַרעמט און באַרוישט מיך ווי אַלטער ווייַן...

און דאָך...

„און דאָך האָב איך פחד פאַר אייך, איך שרעק מיך פאַר באַצווינגענע, וואָס זיגן. עס קענען פון זיי באַצווינגער ווערן, און יעדער באַצווינגער זינדיקט קעגן מענטשלעכן גייסט".

ווייטער שרייבט פרץ אַזוי:

„איך פאַרכט מיך פאַר אייך.

אַלס זיגער קענט איר די ביוראָקראַטיע ווערן; אויסציילן יעדן זיין ביסן, ווי פאַר אַרעמעלייט אין הקדש; אָפּצומעסטן זיין אַרבעט, ווי לעק־ציעס אויף דער קאַטאַרגע, און איר וועט פאַרטיליקן דעם באַשאַפער פון נייע וועלטן — דעם פרייען מענטשלעכן ווילן, און פאַרשיטן דעם ריינסטן קוואַל פון מענטשלעכן גליק — די קראַפט, וואָס שטעלט איינעם קעגן טויזנטער, קעגן פעלקער און געשלעכטער...

„און איר וועט זיין פאַרנומען מיט רעגלאַמענטירן, מיט שרייבן, פאַר־צייכענען און שאַצן... מיט פאַרשרייבן: ווי הויך און ווי אָפט עס מעג שלאָגן אַ מענטשלעכער פולס, ווי ווייט עס מעג זען אַ מענטשלעך אויג, און וואָס פאַר אַ חלומות עס מעג האָבן דאָס פאַרבענקטע האַרץ... עס וועט קיין לערער מאָגן ניט זיין, נאָר זעלן וועלן הונגערן". (פון דעם עסיי „האָפענונג און שרעק").

אויף פרצן האָט מען ניט געקאָנט וואַרפן קיין בייזע בליקן. פרץ איז דאָך אַליין געווען אַ שטיק רעוואָלוציע און מרידה. י. ל. פרצעס „יום־טוב־בלעטלעך" זיינען געווען דער ערשטער דרוקשטאָף, וואָס מען פלעגט געפינען ביי פּאָליטישע אַרעסטן פון יידישע אַרבעטער. און ווער האָט אַריינגעבראַכט אינעם באַוווסטזיין פון יידישע אַרבעטער די גראַטעסקע־געשטאַלט פון „באָנטשע שווייג"? יאָ, אויב עמעצער האָט מאַראַליש געהאָט אַ רעכט זיינע מחשבות אַרויסצוזאָגן און אויפדעקן זיין אומרו, וואָס איז געווען פאַרבונדן מיטן גאַנג פון רעוואָלוציאָנערע געשעענישן, איז דאָס געווען י. ל. פרץ.

עס קען זיין, אַז אויך די פאַרצווייפלונג־שטימונגען און די מחשבות האָבן ערגעץ וווּ געלעבט און געפונען פאַר זיך אַן „אינדזל" גראָד צווישן

די אַריבערגעקומענע יידישע שרייבער פון רוסלאַנד און פּוילן, וועלכע האָבן זיך באַזעצט אין די פּאַראייניקטע שטאַטן אין די יאָרן צווישן 1905 און 1914.

ד) די לעצטע השפּעה, וואָס מען קען אפשר אָנווייזן, האָט צו טאָן מיטן פאַקט פון רעגיאָנעלער באַזונדערקייט אין יעדער ליטעראַטור. ניט די צייט, נאָר דאָס אָרט, די לאַנדשאַפט, די באַזונדערקייט פון קולטור־שטייגער ווירקט אויפן אויפקום פון ליטעראַרישע באַוועגונגען. דער פּיאָ־נער־קריטיקער בעל מחשבות האָט שוין אָנגעוויזן אויף דעם אונטערשייד אין דעם געמיט פון די שרייבער, וואָס זיינען געקומען פון דרום־רוסלאַנד אין פאַרגלייך מיט די שרייבער, וואָס זייער היים איז געווען ליטע אָדער פּוילן. פון דער גרופּע „יונגע" איז מאַני לייב אַן אָפּשטאַמיקער פון אוקראַינע; זשאַ לאַנדוי, י. אָפּאַטאָשו געהערן צום פּוילישן יידנטום; די ליטווישע העגעמאָניע, וואָס איז געקומען אין דער יידישער ליטעראַטור דורך א. רייזענען און אַנדערע, האָט זיך געשטיצט אויף אַן אַלטער ליטע־ראַרישער טראַדיציע, וואָס האָט פאַרבונדן ליטעראַטור מיט לעבן, מיט אויפקלערונג און מיטן פּרווו צו רעפאָרמירן און פאַרבעסערן די סאָציאַלע באַדינגונגען. עס קען זיין, אַז די טראַדיציע פון חסידות, וואָס האָט געזען די פאַרפלאָנטערטקייטן פון מענטשן, ווי אַ יחיד, זיין מאָדנעם גאַנג אין לעבן, זיינע חידושים, האָט דאָ געווירקט.

חסידות, הגם אַ פאָלקס־באַוועגונג, האָט בולטע שטריכן פון אינדי־ווידואַליזם. דער חסידישער רבי איז אין תוך דער סאַמע „מאָדערנסטער" מענטש, וואָס שייך זיין נשמה־צעשפּאָלטנקייט, דעם וויסן פון די סתירות אין מענטשלעכן „איך". ניט אומזיסט האָט וועגן זיך געזאָגט ר׳ נחמן בראַצלאַווער: „ווי קאָן דאָס געמאָלט זיין, מען זאָל קענען מיר ניט קריגן, ווי באַלד איך גיי אין אַ נייעם וועג, וואָס קיין איין מענטש איז אין אים ניט געגאַנגען?" ער פלעגט צוגעבן: „הגם דאָס איז זייער אַן אַלטער וועג, פון דעסטוועגן איז ער גאָר אַ נייער".

אין די שאַפונגען פון דוד איגנאַטאָוו לויכט די דאָזיקע וועלט, דער כישוף פון אַ מעשה־וועלט און פון חסידות, פון די זיבן בעטלער און פון די ל"ו.

מען מוז דעריבער אויך אָנערקענען אַ געוויסע רעגיאָנעלע השפּעה, וואָס איז היסטאָריש פאַרבונדן מיט דער פאַרשפּרייטונג פון חסידות אויף

אוקראַינע, פוילן און גאַליציע. ניעזשין, די שטאָט ווו מאַני לייב אַ געבוירן און אויפגעהאָדעוועט געוואָרן, איז אין איין צייט געווען אַ פעסטונג פון חסידות, פון דער שיטה חב״ד. זישאַ לאַנדוי האָט אָפּגע־שטאַמט פון דורות רביים. עס האָט נאָך געשטעקט אַ סך „אַלטער יחוס״ אין אים. ניט אומזיסט האָט וועגן אים אין שפּאַס געזאָגט משה נאַדיר (1926): „זישאַ לאַנדוי שרייבט נייע פיינע לידער, נאָר ער מאַכט זיי אויסזען אַלט, אַנטיקוואַריש. זישאַ לאַנדוי איז פון יענע איידעלע גבירים, וואָס צעקנייטשן נייע זאַכן, כדי זיי זאָלן אויסזען אַלט״.

איז מעגלעך, אַז אויף אַ נייעם קאָנטינענט, אין שאָטן פון די וואָלקנקראַצערס פון ניו־יאָרק, האָבן זיך די אַלע השפעות פּאַראייניקט און געשאַפן יענע אויסטערלישע גרופּע יונגע שרייבער, וועלכע עס איז באַשערט געווען צו האָבן אַזאַ גרויסע השפעה אויף דער אַנטוויקלונג פון דער מאָדערנער יידישער דיכטונג?

מיט דער צייט זיינען די אמת־באַדייטנדיקע שרייבער פון דער גרופּע „יונגע״ אַריינגעוואַקסן אין דער יידישער ליטעראַטור. יעדער איינער וואָס האָט נאָר אַרויסגעוויזן קרעפטיקן טאַלאַנט, האָט באַקומען זיין פולע אָנערקענונג. אָבער אין אָנהייב האָבן זיך די „יונגע״ געפילט טאַקע ניט מער ווי אַן „אינדזל״ — אַן אינדזל־מלוכה, וואָס איז כסדר פאַרשווענקט געוואָרן פון אַרומיקן שטורמישן ים. דער „ים״, דאָס זיינען געווען די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונגען, די אַרבעטער־מאַסן, די שטרייטן אין דער באַוועגונג פאַר אידעען און מאַכט.

ניו־יאָרק צווישן 1912—1915, ווען עס דערשיינען דוד איגנאַטאָוו'ס זאַמלביכער א״נ „שריפטן״, פאַרמאָגט שוין אַ מער אינטעלעקטועלע יידישע אַטמאָספער. בער באָראָכאָוו דרוקט, למשל, אין „ליטעראַטור און לעבן״ אַרטיקלען וועגן דער געשיכטע פון דער אַלטער יידישער ליטעראַ־טור. ער ווייזט דעם יחוס פון אונדזער ליטעראַרישן שאַפן. די באַציִונג צו אַמעריקע, ווי צו אַ ציוויליזאַציע און אַ קולטור־שטייגער, הייבט אָן ווערן אַ מער גינסטיקע. מען זעט אויך דאָס שיינע און גוטע אין די דעמאָקראַטישע טראַדיציעס פון לאַנד. עס ווערט באַזונגען דער גוואַל־דיקער אימפּעט, טעטיקייט און דורשט נאָך לעבן און פרייד, מיט וואָס עס צייכנט זיך אויס דאָס יונגע לאַנד. אַמעריקע, ווי עס ווערט פאַרגע־שטעלט אין דער יידישער ליטעראַטור ביי א. ראַבאָי, האָט שוין אויך

„פריירים״ און בערג און ווייס פון דער איינגעבאַרענער גוטמוטיקייט פון „יענקי״; אַמעריקע באַטייט ניט מער נאָר טענעמענט־הייזער, שוויץ־פּאַבריקן און פאַרצווייפלונג פון אַרבעטער־נויט.

עס איז אַ צייט, ווען מען זוכט שוין אַ באַהעפטונג פון אידעען. במשך פון 25 יאָר, ווען עס האָבן גענומען איינוואַנדערן אַהער די גרויסע יידישע מאַסן, איז דער צייכן פון אַלע אידעען געווען עקסטרעמקייט. וואָס וויניקער די אידעען האָבן האַרמאָנירט מיט דער ווירקלעכקייט פון לעבן, אַלץ אמתער האָבן זיי אויסגעזען; דאָס לעבן איז געווען פאַלש און אַ גיהנום. דער שטראָם פון איינוואַנדערער האָט ניט אויפגעהערט, הגם יעדע באַגעגעניש מיט דער ווירקלעכקייט פון דער נייער אינדוסטריעלער געזעלשאַפט האָט פאַר דעם נייעם איינוואַנדערער געמוזט פירן צו אַנטוישונגען.

ווי קען זיך צונויפפאָרן דער חלום פון אַ „גאָלדענעם לאַנד״ מיט דער ווירקלעכקייט פון אַ טרערן־אינדזל און דער ביטערער נויט, אין וועלכער עס האָבן געלעבט די יידישע אַרבעטער? פאַר צענדליקער טויזנ־טער מענטשן, וועלכע עס האָט איינגעשלונגען דער קעסלגרוב פון דעם אימהדיקן ניו־יאָרק, האָט דאָס נייע לעבן באַטייט דעקלאַסירונג. וואָס איז געווען די טרייסט? ניט דער היינט, נאָר דער מאָרגן, וואָס מוז גע־בוירן ווערן פון דער מאַטערניש, נויט און אומגערעכטיקייט, וואָס עס שטעלט מיט זיך פאָר די היינטיקע אינדוסטריעלע געזעלשאַפט. ניט קיין וווּנדער, וואָס אַלע אידעען זיינען געווען אַזוי עקסטרעם.

אָנגעהויבן פון 1910 קומט אָבער פאָר אַ פּראָצעס פון אַ מין קאָנסאָ־לידירונג. אַנדערע דענקער פון פריערדיקן דור באַקלאָגן זיך אפילו, אַז די יידישע אַמעריקע איז געוואָרן שוין שרעקלעך קאָנסערוואַטיוו, אפילו „רעאַקציאָנער״ (זע יעקב מילך אין דוד איגנאַטאָווס „שריפטן״ און מ. אָלגינס קאָמענטאַרן אין די „נייע וועלט״).

די יידישע אַמעריקע כאַפּט אָפּ אויף אַ קורצער צייט דעם אָטעם. באַלד וועלן קומען נייע אויפטרייסלונגען, וואָס וועלן ווידער אָרייננברענ־גען גרויסע האָפענונגען, פעסטן גלויבן, רעוואָלוציאָנערן ברען און שפּעטער — נייע אַנטוישונגען. דאָס וועלן זיין די שטורעמדיקע געשע־ענישן, וואָס וועלן זיך אָפּשפּילן אין דער אַלטער וועלט, — די אָקטאָבער־רעוואָלוציע אין רוסלאַנד און די רעוואָלוציעס אין מיטל־אייראָפּע. ווידער

וועט די יידישע אַמעריקע ווערן צעטיילט און עקסטרעם, וואָרעם דאָס גאַנצע יידישע לעבן אין אַמעריקע האָט געלעבט און געפיבערט מיט דעם, וואָס עס איז פאָרגעקומען אויף יענער זייט ים.

די יאָרן, ווען עס איז אַנטשטאַנען די גרופּע „יונגע", איז געווען די צייט פון אַ מין גייסטיקער און סאָציאַלער סטאַביליזירונג. אין דער אייגע־נער יידישער וועלט, וואָס איז געווען היפשלעך־אינדזלדיק איז די נייע דיכטער־גרופּע געווען אַ מאָדנער אויסטערלישער פענאָמען; דער פאַקט, וואָס זיי זענען געקומען, האָט היפשלעך געהאָט צו טאָן מיט דער אינע־ווייניקסטער קולטורעלער און גייסטיקער אַנטוויקלונג פון די יידן אויפן נייעם קאָנטינענט.

ג) די „יונגע" אין זייער סביבה

ווער זיינען געווען די יונגע? ווי האָבן זיי געקוקט אויף זייער שליחות אין דער יידישער ליטעראַטור?

דער קריטיקער ב. ריווקין האָט זיי אָנגערופן ביים סאָמע אָנהייב: „**אָט דאָס פּאָעטישע אינדזל־מלוכהלע, ווו פיר פּאָעטן — מאַני לייב, זישאָ לאַנדוי, ראובן אייזלאַנד און אברהם משה דילאָן — קיניגן זאַלבעפערט, האָבנדיק פיר פּאָעטן פאַר זייערע אונטערטאַנען — די זעלבע פיר**". דאָס, ווייסן מיר היינט, איז אַ ביסל לצנות און דאָך פילן מיר, אַז עס איז געווען אמת. דאָס אינדזל־מלוכהלע האָט געהאָט איר ניט־געשריבענע קאָנ־סטיטוציע, וואָס איז שטרענג אָפּגעהיט געוואָרן און אַ נייעם פּאָעטישן קאָדעקס, נאָר מאַני לייב איז געווען דער סאָמע באַליבטסטער אין דער „מלוכהלע". ער איז געווען דער „בן־מלך". דאָס פּאָעטישע „מלוכהלע" פון פיר האָט פּראָקלאַמירט: דער פּאָעט און זיינע שטימונגען זיינען דער קוואַל פון יעדער פּאָעזיע. עס האָט אויך פּראָקלאַמירט די „זעלבשטענדיקייט פון דיכטונג", איר „אויפריכטיקייט" און „געשאַפענע שיינקייט". דער קריי־טיקער נח שטיינבערג האָט אין 1917 וועגן מאַני לייבן מיט רעכט געקענט שרייבן:

„מאַני לייב איז דער עכטסטער פּאָעט צווישן אונדזערע נייע דיכטער... אין אים אַנטפּלעקט זיך דאָס באַהאַלטענע. עס זינגט פון אים אַרויס אַזאַ אינדיווידועלער חן, וואָס איז אומפאַרגלייכלעך, מען דערקענט, אַז ס'איז

ניט געמאַכט. דאָס קען מען ניט מאַכן, אַזוי ווערט מען געבוירן. מאַני לייב איז איינער פון די ערשטע, וואָס האָט זיך ביי אונדז פאַרטיפט איז אייגענעם איך" (נח שטיינבערג, יונג אַמעריקע, 1917).

ש. ניגער, וואָס האָט פאַרמאָגט מער אויטאָריטעט אין דער יידישער ליטעראַטור ווי שטיינבערג, האָט די גרופע אַזוי באַצייכנט:

„זיי („די יונגע") האָבן ניט געוואָלט מער גיין אין שפאַן פון די סאָציאַלע אָדער נאַציאָנאַלע מאָטיוון. זייער דיכטונג איז געווען דער היפוך פון יענער, וועלכע האָט געהערשט אין דער אַמעריקאַנער יידישער פּאָעזיע, ווען זי איז געגאַנגען „אין די גאַסן צו די מאַסן"; אין יענער צייט האָט מען ניט געהאַלטן פון ריין פערזענלעכער ליריק, מען האָט געוויס ניט געקענט אויסשפּייען די נשמה און מאָריס ראָזענפעלד, א. לעסין, יהואש פלעגן אויך דאַן פאַרכאַפּט ווערן פון ריין לירישע געפילן, און אפילו זייערע געזעלשאַפטלעכע און קאָמפּסלידער זיינען ניט איין מאָל געבויט אויף פערזענלעכע איבערלעבענישן, אָבער נאָך אָפטער זיינען איך־זאַכן פאַרטונקלט און פאַרשלייערט געוואָרן פון די בירגערלעכע מאָטיוון. דער פּרט האָט זיך אונטערגעגעבן דעם כּלל. זיינען געקומען די „יונגע" און האָבן, ווי אַלע מאָל אין צייטן פון רעוואָלט, איבערגעבויגן דעם שטעקן אויף דער צווייטער זייט. זיי האָבן פאַרווערט זיך אַליין כּלל־פּאָעזיע, פּונקט אַזוי, ווי ביי דעם עלטערן דור פּאָעטן איז ניט רעכט געווען זיך אָפּצוגעבן מיטן יחיד".

צווישן די „יונגע" גופא האָט זיך מאַני לייב אויסגעצייכנט מיט עטלעכע אייגנשאַפטן, וואָס האָבן אַרויסגערופן שוין אין יענער צייט גרויס באַוווּנדערונג; ב. ריווקין האָט עס בשעתו אַזוי דערקלערט:

„מאַני לייב איז אָפּנהאַרציקער פון זיי אַלעמען, ער גיט זיין גאַנצע און פולע געשטאַלט. ער איז דער העלד פון אַלע זיינע לירישע לידער, ער דערציילט אָן בושה וועגן זיך".

ש. ניגער ברייטערט אויס דעם רעיון:

„פאַר אים (מאַני לייבן) איז איך־פּאָעזיע אָן אינעווייניקסטער מוז... ער איז אין דער אמתן געבליבן טריי זיך אַליין, דער ריכטונג פון די „יונגע". ער איז צו אַנדערע לידער חוץ לירישע ניט מסוגל".

צו הילף די ערשטע פיר פּאָעטן פון די „יונגע" זיינען געקומען און זייער סביבה פולער, גאַנצער און קאָנטיקער געמאַכט אַזעלכע טאַלאַנטפולע

שרייבער ווי י. אָפּאַטאָשו, דוד איגנאַטאָוו, א. ראַבאָי, ה. לייוויק, משה לייב האַלפּערן און משה נאַדיר. אַלע צוזאַמען האָבן זיי געפּרוּווט צו באַשאַפֿן אַ נייע ליטעראַרישע אַטמאָספֿער, אַ לעבנס־געמיט; ערשט אַז מען נעמט צונויף זייער ליטעראַרישע פּראָדוקציע, דערזעט מען אין וואָס די גרויסע ענדערונג איז באַשטאַנען.

באַזונדערס ווערט עס קלאָר ווען אַרום 1917 דערשיינט נח שטיינבערגס זאַמלונג עסייען: „יונג אַמעריקע". יעדער איינציקער פֿון די נייע שרייבער איז שוין געגוג קרעפֿטיק און אייגנאַרטיק צו קענען פֿאַראינטריגירן מיט זיך. עס רעדט פֿון יעדן אַרויס אַ האַפֿערדיקע יוגנטלעכקייט, אַ פֿרישקייט און אַן אמת עכטע מאָדערנקייט. ווען מען באַטראַכט זיי ניט נאָר באַזונדער, נאָר בעיקר צוזאַמען, ווי אַ קאָפּעליע, דערפֿילט מען, אַז אַ נייע תקופֿה ווערט זיך באַלד אָנהויבן אין דער יידישער ליטעראַטור. מען דערפֿילט אויך, אַז אַן אַלטע תקופֿה אין דער יידישער דיכטונג ענדיקט זיך.

מיט דער צייט ווערן די צוויי וועלטן, דער עלטערער דור און דער יינגערער דור שרייבער, לעבן בשלום, אָבער נאָר אין דעם פּנקס פֿון דער יידישער ליטעראַטור. אין דער נאָענטער, באַלדיקער ווירקלעכקייט ברענגט דער נייער דור שרייבער אַריין אַ נייעם אויסטערלישן וועלטגעפֿיל, אַ לעבנס־סטיל, וואָס באַרעכטיקט זייער האַפֿערדיקע דרייסטקייט. עס עפֿנט זיך אַ נייער וועג אין דער געשיכטע פֿון אונדזער ליטעראַרישן שאַפֿן. די „יונגע" צוזאַמען מיט די „אינזיכיסטן" יעקב גלאַטשטיין, א. לעיעלעס, נ. ב. מינקאָוו, ב. אַלקוויט ווערן די טרעגער פֿון דער יידישער ליטעראַטור־אידעע אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן. עס מאַכט גאָרניט אויס, וואָס משה נאַדיר איז אַזוי פֿון גרונט אויס אַנדערש פֿון מאַני לייבן, י. אָפּאַטאָשו איז גאָר פֿון אַן אַנדער טייג געקנאָטן ווי דוד איגנאַטאָוו, משה לייב האַלפּערן איז אַנדערש פֿון ראַלניקן. צוזאַמען שטעלן זיי מיט זיך פֿאָר, גראָד אין זייער פֿאַרשיידנאַרטיקייט, די נייע יידישע ליטעראַרישע אַטמאָספֿער.

אין יאָר 1945 דרוקן סיי מאַני לייב, סיי דוד איגנאַטאָוו זכרונות וועגן דעם בראשית פֿון דער ליטעראַרישער גרופּע די „יונגע". די אַרטיקלען ווערן געדרוקט אין דעם זשורנאַל **„עפּאָכע"** (ניו־יאָרק, אַפּריל 1945, נומ. 18). מאַני לייב דערציילט:

„אַט זײַנען מיר אַלע. יונג, הפקרדיק, מיט פאַרריסענע קעפּ און מיט ייִנגלשער חוצפּה פון אָנהייבער אויף אונדזערע אָפּענע פּנימער און אין אונדזערע רייד. מיר קומען פון אַלע עקן וועלט. אויסגעוואָרצלטע פון אונדזערע היימען, האָבן מיר אויף דער נייער ערד געבראַכט אַ באַגאַזש פון ליטעראַרישער קולטור, פּעקלעך כתבים און ליכטיקע חלומות צו ווערן אַ ראָזענפעלד, אַ פּרץ, אַ פלאַבער, אַ היינע, אַ שלום-עליכם, אַ לערמאָנטאָוו אָדער אַ צונזער.

„איסט-בראָדוויי איז דער ליטעראַרישער צענטער, איסט-בראָדוויי ציט אונדז צו זיך. דאָ זײַנען די ייִדישע צײַטונגען. דאָ זײַנען ליטעראַרישע קאַפעען. מאָריס ראָזענפעלד איז דאָ. דער איינציקער, וואָס זײַן נאָמען האָט שוין דערגרייכט אונדזערע אַלטע היימען; דאָ זײַנען אַלע ייִדישע שרײַבער און רעדאַקטאָרן פון צײַטונגען און וואָכנשריפטן. דאָ זײַנען שרײַבער... און פּאָעטן, וואָס דרוקן זיך פון צײַט צו צײַט אין אַ צײַטונג אָדער אַ וואָכנשריפט. און דאָ זײַנען מיר — אָנהייבער, פּאָעטן און פּראָזע-שרײַבער.

„אַ ליטעראַרישער אָוונט. מאָריס ראָזענפעלד דעקלאַמירט זײַן „ליכט-פאַרקויפערין" און זײַן „פאַרפירטע": „געדענקסטו די נאַכט ווען דו האָסט מיר געשוואָרן?". דער זאַל איז געפּאַקט, דער עולם איז יונג און באַגייסטערט; ביים פאַרלאָזן דעם זאַל קרימט איינער די נאָז פון אָזאַ באָמבאַסטישער פּאָעזיע. ער האָט געהאַט שוין דאַן געלייענט ביי פּאָול ווערלען: „אין פּאָעזיע דאַרף פריִער ווי אַלץ זײַן מוזיק"... אַ צווייטער איז ביי זיך אין האַרצן אייפערזיכטיק אויף דעם גרויסן פּאָעט און טראַכט ביי זיך, אַז וואַרט, ער וועט שוין ווײַזן דער וועלט, אַז ער איז אַזוי גוט ווי ראָזענפעלד... אָבער מיר אַלע, די יונגע אָנהייבער פילן, אַז מיר זײַנען אויף אייביק שוין פאַרלאָרן אויף דער ווונדערלעכער איסט-בראָדוויי, וואָס האָט אין זיך אַלע כישופן פון דער וועלט...

„און אויף איסט-בראָדוויי זוכן מיר איינער דעם צווייטן. טוליען זיך איינער צום צווייטן, און אונדזער מחנה וואַקסט: דער מיט דער גרופּע, אַ צווייטער מיט אַן אַנדער גרופּע. נאָר יעדער איינער פון אונדז איז באַלויכטן מיט אַ גלויבן אין אונדזער ליטעראַטור און אין זיך אַליין, אַז ער וועט ווערן גאָר אַ גוטער פּאָעט און זײַן נאָמען וועט קלינגען.

„דערווייל איז שוין אין יעדן איינעם פון אונדז פאַרזייט דאָס קערנדל

פון ביטול צו דער שרעקלעך־פרימיטיווער ליטעראַטור אין אַמעריקע, און דער ביטול וואַקסט צוזאַמען מיט אונדזער פּאַרמעסטן זיך צו ווייזן וואָס מיר אַליין קענען... און אַליין זיינען מיר אַלע צוזאַמען געווען אַ נול. און מיר האָבן היפּשלעך אויפגערעגט די עלטערע שרייבער, און זיי האָבן אויף אונדז געקוקט מיט פאַראַכטונג".

עס זיינען געווען אין ניו־יאָרק אַנדערע יונגע שרייבער אויסער די „יונגע". מאַני לייב דערמאָנט די נעמען ל. קאָברין, ה. רויזנבלאַט, י. אַד־לער, יואל סלאָנים און ש. קאַטלער. ער דערמאָנט אַ פאַראיין „די יוגנט", וואָס זייער ציל איז געווען „שאַפן פאַר דער שיינער יידישער ליטעראַטור אַ זעלבשטענדיקע היים".

אין 1945 איז מאַני לייב אויף אַזוי פיל קריטיש צו זיך, אַז עס איז ממש צו באַוווּנדערן די אָפנקייט, מיט וועלכער ער רעדט:

„אונדזערע העפטלעך „די יוגנט" האָבן די עלטערע שרייבער מיט רעכט אויסגעלאַכט. דער ציל, וואָס מיר האָבן זיך געשטעלט, צו ראַטע־ווען אונדזער ליטעראַטור, און די זאַכן אונדזערע, וואָס מיר האָבן געדרוקט אין די העפטלעך, האָבן געמוזט אַרויסרופן געלעכטער.

„...איך לאַך און מיר קומען טרערן אין די אויגן פון דער פרייד, וואָס אין לויף פון לאַנגע און שווערע יאָרן באַשיינען איצט אונדזער ליטע־ראַטור אַ סך נעמען פון יענע יינגלשע העפטן".

מאַני לייב דערציילט ווייטער:

„דריי פּאָעטן און איין פּראָזע־שרייבער. [זיינען מיר געווען]. אונדז, די דריי פּאָעטן, האָט פאַראייניקט אַ באַשטימטע איינהייטלעכע קינסטלע־רישע קולטור און דער זעלביקער ציל — צו דערהייבן אונדזער פּאָעזיע צו ריינער קונסט. און מיר דריי האָבן אין דוד איגנאַטאָוון געזען דעם פּאָעט צווישן אַלע יינגערע פּראָזע־שרייבער. אויף אונדזער גרופּע פון פיר איז אויסגעפאַלן דער גורל צו טראָגן דעם נאָמען „יונגע".

מאַני לייב איז געווען אַ רעטעניש פאַר די קריטיקער, אַריינגערעכנט שמואל ניגערן און ב. ריווקינען. שרייבט ש. ניגער („צוקונפט", מערץ, 1931):

„די [קריטיקער] וועלכע גלויבן, אַז זיי קענען דערקלערן, ניט נאָר אויפדעקן דעם כאַראַקטער פון אַ פּאָעט, מוזן שטיין פאַר אָט דעם איינ־טימסטן פון אונדזערע ליריקער (מאַני לייב) ווי פאַר אַ רעטעניש. זיי

מוזן זיך אַליין פרעגן, ווי אַזוי האָט עס פּאַסירט, אַז גראַד ער זאָל ווערן אַזאַ שטילער, אין זיך אַליין פאַרשלאָסענער, זיך אַליין זיך צוהערנדיקער זינגער".

ש. ניגער האָט פאַר דעם, אין דער זעלבער אָפּהאַנדלונג, געשריבן: „אין מאַני לייבס בעסטע לידער ציטערט דאָס ציטערנדיקסטע געפיל פון אַ ריינעם ליריקער, זיפצט אַ נשמה, וואָס איז זיך מתוודה פאַר זיך אַליין".

ש. ניגער חוזקט אָפּ אַ ביסל פון די סביבה־קריטיקער:

„יענע, וועלכע וויסן, אַז דער שליסל צו אַ דיכטערס וועלט ליגט אין אירע אייגענע פאַרבאָרגענע טיפענישן, וועלן ניט פרעגן קיין קשיות; אָבער די, וואָס זיינען געוווינט צו זוכן אים ניט אינעווייניק, נאָר ערגעץ ווו אין דרויסן, אַרום די שוועלן, אין דער וויל־באַקאַנטער סביבה, וועלן זיך וווּנדערן און ניט קענען פאַרשטיין, ווי אַזוי איז עס אויסגעוואַקסן אַן עקסטרעם־אינדיווידועלער דיכטער פון אַ מענטשן מיט אַזאַ „סאָציאַלער ביאָגראַפיע", מיט אַזאַ „מיליע" ווי מאַני לייבס. דאַכט זיך, אַלץ וואָס איז געווען אַרום אים, פון די קינדער־יאָרן אָן, אַלע עקאָנאָמישע און געזעלשאַפטלעכע אומשטענדן, האָבן געדאַרפט אים אַריינשטעלן אין מויל אַ מעכטיקן שופר, וואָס זאָל שאַלן, רופן, וועקן צום געזעלשאַפטלעכן קאַמף, צו פּאָליטישער אַקציע. דאַכט זיך, ער האָט אַ מער „פּראָלעטאַרישע לעבנס־באַשרייבונג ווי [יוסף] עדעלשטאַט, אָדער [דוד] באָוושאָווער, שוין אָפּגערעדט פון ווינטשעווסקין".

מאַני לייב איז טאַקע געווען אַ רעטעניש פאַר דער יידישער ליטע־ראַטור־קריטיק.

ד) פען־פּאָרטרעטן

די געשטאַלט פונעם יונגן מאַני לייב האָט זיך טיף איינגעקריצט אין זכרון פון זיינע מיטצייטלער. וועגן ווייניק יידישע שרייבער זיינען פאַר־בליבן אַזוי פיל פיין־געצייכנטע פען־פּאָרטרעטן.

שרייבט דער דיכטער ה. רויזנבלאַט, וואָס איז אגב געווען אַ גוטער פריינד פון מאַני לייבן און אויך אַ פריינד און אַ שכן פון מאָריס ראָזענפעלדן:

„אַט, שטייט ער מיר פאַר די אויגן (מאַני לייב) — אַ שלאַנקער, אַ בויגזאַמער מיט אַ מיידליש־טראַציק פּנים, אַ טראַציקייט, אין וועלכער ס׳איז געלעגן פאַרט אַזאַ חנעוודיקע תמימות. די גרינלעך גרויע אויגן באַהאַלטן עפּעס ספקות, אַ מין ניט־זיכערקייט אין זיך און אין דעם אַרום... אַט אַ די ספקות האָט אים גוט געדינט, זי האָט אים פאַרהיט פון אַרויסשפּרינגען פון זיין אייגענער הויט... פון ווערן דאָס, וואָס ער איז ניט געווען און וואָלט אפשר ניט געקענט ווערן. די ניט־זיכערקייט אין זיך האָט אים געוואָרנט: היט זיך פון פרעמדע השפּעות, הענג זיך אַליין ניט אָן קיין פאַטשערקע־מעדאַלן, באַהאַלט ניט דיין פּנים אונטער גע־פאַרבטע מאַסקעס. דאָס, וואָס דו פאַרמאָגסט, ווי דו שטייסט און גייסט, איז די והותר. ער האָט די וואָרענונג פאַרנומען און געפאָלגט״.

דוד איגנאַטאָוו האָט אין זשורנאַל „עפּאָכע״ (מאַרץ — אַפּריל, 1947, נומ. 27) דערציילט וועגן מאַני לייבן אַזוי:

„מיר האָבן מאַני לייבן אַלע גוט געקענט און האָבן אים אַלע ליב געהאַט, ניט געקוקט אויף זיין קאַפּריזנעקייט; עס איז געווען אַ באַזונ־דערע ווייבעריש־מענלעכע חנעוודיקייט אין אַט די קאַפּריזנע אויסברוכן זיינע. אָן אַנגעצונדענע אויפגערעגטקייט האָט דערביי געשפּילט אויף זיין טונקלהויטיק פּנים. די ברעמען איבער זיינע גרוילעכע אויגן האָבן זיך אַראָפּגעלאָזט, אַט אויפגעהויבן. עס האָט עפּעס אַזוי ווי געזאָגט — ער ווייסט, אַז ער טוט אייך ווײ, אָבער ניט געקוקט אויף דעם, מוז ער זאָגן דעם אמת״.

י. באַשעוויס שרייבנדיק אונטערן פּסעוודאָנים יצחק וואַרשאַווסקי („פאָרווערטס״, 28סטער אָקטאָבער, 1956) גיט איבער זיינע איינדרוקן פון מאַני לייבן, ווי ער האָט אים געקענט די לעצטע יאָרן:

„ווערטער זענען אַ שיכרות... מאַני לייב האָט געהערט צו יענע דיכטער, וואָס די שכרות פון וואָרט הערט ביי אים קיין מאָל ניט אויף... מאַני לייב [איז] געווען אַלע מאָל שיכור פון ליבע און שיכור פון וואָרט... ער האָט, קען מען זאָגן, געלעבט מיט דער איינציקער האָפענונג אַז אַ וווּנדער זאָל געשען; ניט אַ וווּנדער, וואָס לייזט אויס... נאָר אַ וווּנדער, וואָס פאַרכאַפּט, דערקוויקט, צינדט אָן.

„מאַני לייב האָט געזוכט ווונדער אומעטום, נאָר צום שטאַרקסטן האָט ער געהאַפּט אויפן ווונדער פון וואָרט. ער האָט געגלויבט, אַז ערגעץ ווו, ממש הינטער זיין צונג, באַהאַלטן זיך ווערטער אָדער קאָמבינאַציעס פון ווערטער, וואָס וועלן אַ בליץ טאָן און ליכטיק מאַכן דעם גאַנצן קאָסמאָס".

נח שטיינבערג אין זיין ווערק „יונג אַמעריקע", ניו־יאָרק, 1917 שרייבט:

„מאַני לייב איז דער מענטש פון לויטער שטימונגען, און זיינע שטימונגען בייטן זיך זייער שנעל, אַט פאַרברענגט ער מיט אייך, רעדט, לייענט, איז פריילעך. באַלד ווערט ער אומעטיק. אַ שטילע מעלאַנכאָליע פאַרציט זיין געזיכט און אין אַ ווײַלע אַרום צעגיסט זיך אַ צאַרטע מילד־קייט אויף זיינע ליפּן, ווי ביי אַ קינד ווען ס׳חלומט.

„עס טרעפט טייל מאָל, אַז ער רעדט און וויל איבערצייגן, ווערט ער מענעריש, זיין שטימע ווערט אַ שניידנדיקע, זיין האַלטונג שטרענג... ער ווערט באַלד אומרויק. ער קען מער ניט איינזיצן אויפן אָרט, שטענדיק דאַכט זיך אים, אַז ער האָט ניט קיין צייט. וויל לויפן, אַליין ניט וויסנדיק וווהין... ווי ער וואָלט וועלן זיך באַפרייען פון אַן אייביקן אומרו, וואָס איז אין אים. מאַני לייב איז אַ וויזיאָנער. ער זעט אַלע מאָל זאַכן ניט בלויז מיטן נאַקעטן אויג, נאָר מיטן אינדיווידועלן אינערלעכן אויג.

„מאַני לייב איז דער דיכטער פון די צאַרטסטע שטימונגען. אמת, זיינע לידער זיינען ניט קלאָר, אָבער דאָס איז אפשר אַ מעלה, ווייל קלאָרקייט צעשטערט די פאַנטאַסטישע, סימבאָלישע אַנרעגונגשאַפט. מאַני לייב איז דאָס געפיל אַליין, ביי אים קומט אַלץ אַרויס אומגעריכט, אומבאַוווסט... ער איז דער דיכטער פון ניואַנסן".

אין סך־הכל קען מען זאָגן: וואָס אַלע האָבן באַוווּנדערט איז: מאַני לייב דער מענטש, די פּאָעטישע געשטאַלט.

זיין פריינד פון די ערשטע יאָרן אין די פאַראייניקטע שטאַטן, ה. לייוויק, האָט וועגן אים אַזוי געשריבן („צוקונפט", נאָוועמבער 1953):

„דיין געשטאַלט פון יידישן פּאָעט, און דיין ניט מיד־ווערנדיקע בענקשאַפט נאָך דיכטערישער שלימות, אפילו אין די טעג פון אָרעמקייט, אפילו אין די טעג פון באַליידיקונג, פון עלנט און פון קראַנק־זיין — דיין געשטאַלט טוט זיך ניט אָפּ פון אונדז, זי איז דאָ".

✶

אַ לענגערע פאַרצייכענונג, וואָס שילדערט מאַני לייבן ביי דער אַרבעט און גראָד ניט ביי דער פּאָעטישער אַרבעט, נאָר טאָקע ביי דער פיזישער מלאכה פון קאָמאַשן־שטעפּעריי אין ניו־יאָרק, געפינען מיר אין די זכרונות פונעם דיכטער אהרן ראַפּאַפּאָרט („צוקונפט", אַפּריל, 1957); אין אַ שיך־פאַבריקל, אַ קאָאָפּעראַטיוו, האָבן אין איין צייט געאַרבעט דריי יידישע פּאָעטן: מאַני לייב, משה לייב האַלפּערן און י. י. סיגאַל.

אהרן ראַפּאַפּאָרט דערציילט:

„...קום איך אַרויף צו אים (מאַני לייבן) אין עפּעס אַן אַלטן בנין, דורך די פינצטערע קאָרידאָרן, אויף סקריפּענדיקע טרעפּ. איידער איך האָב די טיר געעפנט, האָב איך שוין געוווּסט, וואָס פאַר אַ וואַרשטאַט דאָס איז — נאָכן קלאַנג נאָך פון די מאַשינען... אַ לאַבירינט פון הויכע געשטעלן פול מיט פרויען־שיך, מאַשינען... מאַני לייב זיצט אין ווינקל ביי אַ הויכער מאַשין. די שיין פון אַ לעמפּל באַלייכט אים. די פיין־פאַר־קעמטע לאָקן שיינען שוואַרץ. מאַני לייב זיצט אַ צעקנעפּלטער. די הענט האַלטן שטיקלעך שוואַרצן לעדער און די מאַשין שטעפּט.

— מאַני לייב, ווּהין האָט איר זיך פאַרקליבן אין אַזעלכע פינצטערע מקומות?

— מיר האָבן ניט מורא, מיר זיינען דאָ אַ קאָאָפּעראַציע...

— אַזוי גאָר, אַ קאָאָפּעראַציע?

פיר שטעפּער זיצן ביי די מאַשינען, צווישן זיי דער דיכטער י.־י. סיגאַל. ער איז דעמאָלט געקומען קיין ניו־יאָרק זיך צו באַזעצן, האָט אים מאַני לייב אויפגענומען פּרובירן לערנען די מלאכה.

איך זע ווי עס שפּאַנט צו מיר אַ מענטש, דער מענטש פּאַראַינטריי־גירט מיך.

— דאָס איז מיין ברודער גרשון — דער שפּינאָזיסט.

— די פּאָעטן איז גוט — לאַכט גרשון מיט אַ קלוגן שמייכל — די פּאָעטן איז גוט... זינגען ווי די פייגל און מיינען, אַז אַ ליד איז אַלץ...

— אַלץ? אַ מענטש איז אַלץ — זאָגט מאַני לייב; און גוט איז נאָר, ווען עס זינגט זיך...

אין הינטערגרונט פון וואַרשטאַט, לעבן אַ בלינד פענצטער, שטייט

אַ מענטש ביי אַ הויכער מאַשין. ער ציט אָן די שיך אויף די קאַפּולן און די מאַשין טשוועקלט איין. גייט קענטיק ניט עפּעס אין דער אַרבעט, כאַפּט ער זיך אַרויס מיט אַ זידלוואָרט, וואָס פאַרגייט אַזש אין באַז, ווי אַ גרינינקער רויכעלע סם...

צעשמייכלט זיך מאַני לייב מיט אַזאַ העלן שמייכל און זאָגט:

— שיך ווערן אָן גראַבע רייד ניט געמאַכט... כאַטש משה לייב מיינט, אַז לידער ווערן אויך ניט געמאַכט אָן גראַבע רייד...״

אהרן ראַפּאַפּאָרט דערמאָנט זיך פראַגמענטן פון אַ שמועס אין שיך־וואַרשטאַט.

„מאַני לייב רעדט:

— דאָס האָב איך געמיינט... דאָס האָבן מיר אַלע געמיינט: דערהייבן זיך צו אַ ליד! און פאַר וואָס, מיינט איר, האָבן מיר אַזוי באַקעמפט דעם אַלטן אָפּגאָט — מאַריס ראָזענפעלדן? פאַר שרייבן שאַפּ־זאַכן? חלילה! פאַר ניט דערהייבן די שאַפּ־זאַכן צו פּאָעזיע! און ער רעדט און רעדט און פאַררעדט...

איך בין אָנטציקט געוואָרן ווי מאַני לייב אַרבעט — אַזעלכע פּיל־באַרע הענט, אויפגעלויכטענע, האַלט די שטיקלעך ברוינעם לעדער אין די הענט, ווי דאָס וואָלט געלעבט און ער העפט צוזאַמען אַ לעבעדיקע זאַך...

צו זיין לינקער זייט זיצט י. י. סיגאַל ביי דער מאַשין און דומעט... שטאַרצט די פינגער צו דער מאַשין, ווי ער וואָלט וועלן אָפּשטויסן עפּעס אַ חיהלע, וואָס וויל אים אָפּבייסן אַ פינגער.

ער האַלט די שטיקלעך לעדער אין די שפּיץ פינגער, ווי ס׳וואָלט געווען אַן אומווערדיקע זאַך — אַ שרץ, צי וואָס? מאַני לייב כאַפּט־אויף מיין קוק און רופט זיך אָפּ:

— אַ קאַליקע, ער וועט קיין מאָל ניט קענען...

און דאַך איז מאַני לייב ניט דער אמתער באַלמעלאַכע. אין אַ מאָמענט פון מידקייט שעמט ער זיך ניט צו פאַרטרויען.

— איך ווער דערשעפּט... אוי, ווי די אַרבעט דערשעפּט מיך... איך אַרבעט מער מיטן אימפּעט... מיין טאַטע איז געשטאָרבן פון טובערקולאָז, און איך... אוי ווי איך ווער דערשעפּט...

אַ שאָפּ אַזאַ... אַ, אַ, שיך, שיך! און די ניט פאַרענדיקטע שיך, מיט

אָפענע מיילער אויף די געשטעלן, שרייען צו מיר מיט אַ פּאַרטויבטער שטילקייט, אַז עס האָט זיך מיר צעקלונגען אין מיינע אויערן״.

ה) פרעמדע השפּעות און אייגענע אויסגעשטאַלטונג

ליטעראַטור־פאָרשער באַטראַכטן פאַר די רעפּרעזענטאַנטן פון אייראָפּעיִשן סימבאַליזם די דיכטער שאַרל באָדלער (1821—1867), פּאָול ווערלען (1844—1896), ריינער מאַריאַ רילקע (1875—1926), הוגאָ פאָן האָפמאַנשטאַל (1874—1929), אַלעקסאַנדער בלאָק (1880—1921), און וואַלערי בריוסאָוו (1824—1873); זיי טיילן אָבער אויס צוויי ווערק פון אַן אַלגעמיינעם כאַראַקטער, וואָס האָבן אַנגעזאָגט אויף אַן איבערקערעניש אין דעם געמיט־צושטאַנד און לעבנסקוק פון מאָדערנעם מענטש. אין 1899 זיינען דערשינען:

זיגמונד פרוידס „אינטערפּרעטאַציע פון חלומות״ (דייטש) און אַרטור סיימאָנס „די סימבאָליסטישע ריכטונג״ (אין ענגליש). דער תוך פון ביידע ווערק איז געווען אַרויסצוהייבן די מסכנה, אַז עס איז פאַראַן אַ פּסיכישע ווירקלעכקייט, וואָס האָט ווייניק צו טאָן מיט דער דרויסנדיקער ווירקלעכקייט.

די באַווירקונג פון סימבאַליזם אין דער אייראָפּעיִשער ליטעראַטור הייבט זיך אָן ווען דער פראַנצויזישער פּאָעט מאַלאַרמע (1842—1898) האָט אין יאָר 1875 פאַרעפנטלעכט זיינע לידער. דאָס איז געווען אַ קריטישע עפּאָכע אין דער אייראָפּעיִשער דיכטונג. דער קוק איז דעמאָלט געווען, אַז מיטן טויט פון וויקטאָר הוגאָ (1885), ראָבערט בראַונינג (1889), אַלפרעד טעניסאָן (1892) איז די פּאָעזיע שוין געווען טויט. ווערלען איז געשטאָרבן אין 1896 און מאַלאַרמע אַ פּאָר יאָר שפּעטער.

וואָס איז געווען דאָס נייע, וואָס די באַווירקונג פון סימבאַליזם האָט אַריינגעבראַכט?

קודם כל אַ רעוואָלט קעגן דרויסנדיקייט, קעגן הויכן וואָרט ד״ה רעטאָריק, אַן אַפּלייקענונג פון דער מאַטעריאַליסטישער טראַדיציע, אַן אָפענער אַרויסטריט קעגן באַשרייבונג אין דער פּאָעזיע און קעגן באַפוצונג; ס׳איז שטאַרק געווען די נייגונג צו ברעכן דעם ריטעם פון ליד, בעיקר האָבן די סימבאָליסטן געפאָדערט: מוזיק, מוזיק פון וואָרט!

דעם פּאָעט האָבן זיי פֿאַרגעשטעלט ניט ווי קיין מורה־דרך, אַ מאַ־ראַליסט, וואָס דאַרף ווייזן דעם וועג צום גליק, נאָר ווי אַ שעפֿערישן מענטשן, וואָס מיט זיין געמיט קען ער פֿאַר אונדז מעגלעך מאַכן צו דערהערן דאָס שטילסטע און פֿאַרבאָרגנסטע פֿון לעבן.

די סימבאָליסטן האָבן זיך פֿאַררופֿן אויף דעם דענקער פּלאָטינוס (204—270), וואָס האָט געשריבן: „וואָרעם אין די פֿאַרשיידענע אַקטן פֿון מענטשלעכן לעבן פֿילן מיר מער ניט דעם אמתן מענטשן, נאָר עפּעס אַ שאָטן זיינעם, וואָס מאַנט און באַוויינט; עס פֿאַרבינדט דעם מענטשן אַ פֿאַדעם מיט אַן אמתער וועלט, וואָס קען דערשיינען פֿאַר אונדז, אַ סודותדיקע, שטילע און אומגעריכטע".

באָדלער האָט אינעם טאָגבוך, וואָס ער האָט געפֿירט אין יאָר 1851 געמאַכט די ווייטערדיקע פֿאַרצייכענונגען:

„פֿולע אָפּנהאַרציקייט — דער וועג צו אָריגינעלקייט, אַ געמיט פֿון גראָטעסק און טראַגישן איז אָנגענעם פֿאַרן אינטעלעקט, אַזוי ווי דיסהאַר־מאָניעס זענען אָנגענעם פֿאַרן קלוגן אויער.

„...אַ געפֿיל פֿון איינזאַמקייט... פֿון זינט איך בין געווען אַ קינד, ניט געקוקט אויף מיין פֿאַמיליע, האָט מיך באַהערשט אַ געפֿיל, אַז דער גורל האָט מיך פֿאַרמשפּט צו אייביקער איינזאַמקייט... איך פֿאַרלייקן ניט, אַז די דראַמאַטישע ליטעראַטור פֿאַרמאָגט ווערדע, מער ניט, די אַקטיאָרן וואָלטן געדאַרפֿט גיין אויף שטאָלצן, טראָגן מאַסקעס, וועלכע זיינען מער אויסדרוקספֿול, ווי דאָס מענטשלעכע פּנים.

„...נאָר די זיינען די אמתע גרויסע גייסטער פֿון דער וועלט: דער פּאָעט, דער פּריסטער, דער קריגער — דער מאַן פֿון ליד, דער מאַן, וואָס ברענגט דעם קרבן, דער מאַן, וואָס ברענגט זיך פֿאַר אַ קרבן. ...געטרוי ניט דעם מענטשן, ניט זיין שכל, ניט זיין גוט האַרץ, ניט זיין באַגייסטע־רונג, ניט זיין עדות־זאָגן.

„...יעדע אידעע איז אַליין שוין באַשאָנקען מיט דער אייביקייט פֿון לעבן, אַזוי ווי אַ מענטש. יעדע פֿאָרעם, וואָס איז באַשאַפֿן, אפֿילו פֿון אַ מענטשן, איז אייביק. פֿאָרעם איז זעלבשטענדיק און ניט אָפּהענגיק פֿון מאַטעריע, עס איז ניט צונויפֿגעשטעלט פֿון מאָלעקולן. אונדזער שפּראַך און געשריפֿט פֿאַרמאָגן אַ כּישוף, אַ מאַגישע ווירקונג!"

דער סימבאָליזם אין דער רוסישער ליטעראַטור פֿון אָנהייב צוואַנ־

ציקסטן יאָרהונדערט איז אַנדערש פון דעם מערב־אייראָפּעישן. זיין הויפּט־אונטערשייד באַשטייט אין דעם, וואָס דער דיכטער פילט, אַז ער קען זיך ניט באַגיין אָן דער צונויפגעבונדנקייט מיטן פאָלק; די אינעווייניקסטע וועלט פון דיכטער, דער סאַמע קערן פון זיין פּאָעזיע, וועט ער גע־ליידן און איינגעדאַרט ווערן אָן דעם באַלעבנדיקן כוח פון פאָלק. דער דיכטער אַליין וועט פאַרוועלקן, אויב עס וועט פעלן אין אים דער כוח, וואָס שטאַמט פונעם בונד, וואָס דער פּאָעט האָט געשלאָסן מיטן פאָלק.

פאָלק איז דערפרישונג, און די, וואָס ווילן אומברענגען דעם דיכטער, פאַרשטעלן פאַר אים דעם וועג צום פאָלק (אַלעקסאַנדער בלאָק). ווער ווייס, צי זיי פאַרשטעלן אים ניט דורך דעם דעם וועג צו זיין אייגענעם „איך"? די רוסישע ליטעראַטור נאָך פאַר פּושקינען, אָבער בעיקר אין די צייטן פון פּושקין און לערמאָנטאָוו, האָט אַנטוויקלט די קאָנצעפּציע פון „פאָלקסטימלעכקייט". שפּעטער איז די אידעע אויפגענומען געוואָרן פון די באַדייטנדיקסטע שרייבער.

אין דער יידישער ליטעראַטור זיינען בכן די אידעען פון פראַנצויזישן סימבאָליזם וועגן ריינער דיכטונג געקומען באַווירקט אין אַ גרויסער מאָס פון דעם רוסישן וואַריאַנט. צו דעם איז נאָך צוגעקומען די אייגענע יידישעווירקלעכקייט און די השפעה פון אַ טויזנטיאָריקער אשכנזישער קולטור, וואָס האָט אַפילו דעם מאָדערנעם יידן דורכגענומען.

דער יידישער דיכטער איז נאָר אין זיינע ערשטע ראַנגלענישן אַ מורד און אַ פאַרפרעמדטער פון דער וועלט. ביי מאַני לייבן זעען מיר עס אין די פאָרמאַטיווע יאָרן פון זיין שאַפן; ער מוז שטרענג וואַכן איבער דער אויטענטישקייט און ריינקייט פון זיין פּאָעטישער וויזיע און איבער זיין פעיקייט אויפצוהיטן אין דער דיכטונג די אַטמאָספער פון אַן אייגע־נער וועלט.

מאַני לייבס מעטאָד איז צמצום, איינקלאַמערן זיך, באַפרייען זיך פון אויסגעדראָשענע ווערטער, באַנאַלע מעטאַפאָרן, אָפּזוכן יענע נסים־ווער־טער, וועלכער זאָלן אויסדריקן די באַזונדערקייט און אייגנקייט פון זיין וועלט.

היות, ווי דאָס רוב ווערטער זיינען אַ רשות הרבים, זוכט ער נייע עפעקטן: א) דורך דער צונויפפאָרונג פון ווערטער (ווינטער־ווייען, שבת־אומעטן), ב) דורך זייער אָפּקלאַנג און ווידערקלאַנג, ד"ה אַליטעראַציע,

ג) דורך דער חידושדיקייט פון גראַם, ד) דורך אָפּזוכן די טאָפּלטקייט פון באַטייטן, ה) דורך באַשאַפן אייגענע אימאַזשן.

ווי אַזוי דאָס קומט צום אויסדרוק אין מאַני לייבס דיכטונג, וועלן מיר זען שפּעטער אינעם אַנאַליז פון אַ ריי זיינע פּאָעטישע שאַפונגען.

אַלע פּאָעטישע דערגרייכונגען פונעם דיכטער אין די פאָרמאַטיווע יאָרן בלייבן שוין אויף תמיד אין זיין רשות ווי אַ שרייבער; דאָס איז שוין אַ דערגרייכטע מדרגה פון מייסטערשאַפט, אַ דערוואָרבענע קענטעניש. וואָס מאַני לייב האָט אויפגעטאָן פאַרן פּאָעטישן וואָרט ביים סאַמע אַנהייב, בלייבט ווי אַ גרונט־כאַראַקטעריסטיק פון זיין שרייבערישן מאַניער. זיין אייגענע גייסטיקע וועלט אַנטוויקלט זיך, אירע ענגע גרענעצן ווערן צעבומען, דער דיכטער איז בכוח ביי״צוקומען זיין אייגענע מענטשלעכע פאַרפרעמדונג און ער וואַקסט אַריין אין דער פאָלקישער טראַדיציע.

מאַני לייב דערזעט יענעם גרעסערן „איך״, דעם קאָלעקטיוון, דעם יידיש־היסטאָרישן, און ניט נאָר דעם אינדיווידועלן. מאַני לייב קען לויט זיין סאַמע תוך ניט ווערן קיין דיכטער פון שטורעם, עקסטאַז, פון דונערן און בליצן — זיי געהערן ניט צו זיין וועלט.

דער באַוווסטזיין, צו וועלכן דער דיכטער קומט, איז, אַז אויסער דער דימענסיע פון שטח, אין וועלכער ער לעבט, איז נאָך פאַראַן די דימענסיע פון היסטאָרישער צייט; פון איר פילט ער זיך ניט פאַרפרעמדט; זי גייט אויף אַ ליכטיקע און אַ קלאָרע אין זיין געמיט.

די ווירקונג פון די רוסישע קלאַסיקער אַלעקסאַנדער פּושקין (1799—1837) און מיכאַיל לערמאָנטאָוו (1814—1841), הגם מאַני לייב דערמאָנט זייער השפעה אויף אים, לאָזט זיך ניט אַנצייכענען און קאָנקרעטיזירן; סיידן נאָר אין דעם פּרט, וואָס זיי האָבן געדינט, ווי מוסטערן פון פּאָע־טישער שלימות; אין דעם פאַל איז יעדע הויכע פּאָעטישע דערגרייכונג אַ קריטיק ניט נאָר פון לעבן (מעטיו אַרנאָלד), נאָר אויך פון אַלע אַנדערע געשאַפענע פּאָעטישע ווערק.

אויף דעם דור יונגע יידישע פּאָעטן האָבן די גרויסע רוסישע שרייבער געקענט ווירקן בעיקר מיט דעם, וואָס זיי האָבן געוויזן דעם הויכן פלי און דעם ווייטן פאַרנעם; די פּאָעטישע קולטור פון דער רוסישער פּאָעזיע פון מיטן 19טן יאָרהונדערט איז אַ גרויסע דערגרייכונג און דעראָבערונג אין דער גאַנצער אייראָפּעישער פּאָעזיע.

דאָס איז אַ קולמינאַציע ניט נאָר פון אַ ליטעראַטור, וואָס האָט פאַר־מאָגט ווי פאַרגייער לאַמאַנאַסאָוו, זשוקאָווסקי און מיטצייטלער ווי קאַראַמזין, באַטיושקאָוו, נאָר אויך די השפעה פון אַ וויקטאָר הוגאָ, אַ לאָרד בייראָן, אַ שעניע, אַ געטע, אַ שעקספּיר.

עס פעלט אָבער לגמרי ביי מאַני לייבן און זישאַ לאַנדוי דער בייראָניזם, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַר לערמאָנטאָוון און בכלל ראָ־מאַנטיקער; עס פעלט דער קוק אויפן דיכטער ווי אויף אַ נביא, וואָס מיר טרעפן ביי פושקינען. ס׳איז גאָרניטאָ פון דער דעמאָנישקייט, דער „גראַנ־דער״ פון דער ראָמאַנטישער שול אין דער פּאָעזיע. וואָס עס קומט צום אויסדרוק ביי זישאַ לאַנדוי, למשל, איז די נישטיקייט, גרויקייט, לאַנגווייל, די ניט־פאַרשטענדלעכקייט פון אונדזער קליינקייט און אַן איידעלער טראַגיק־קלוגער טאָן פון חידושן זיך אויף דעם אַלעמען.

ביי מאַני לייבן פעלט דאָס זישאַ לאַנדוי־געמיט פון רעזיגנאַציע און קלוגער מעלאַנכאָליע; זיין נאַעוויטעט צו די סלאַווישע קלאַסיקער קומט צום אויסדרוק אין זיינע פאָעמעס־מעשיות: „דער נאַר״, „דער קאַרגער״ און אַנד.

ווי פושקין און לערמאָנטאָוו, ווענדט ער זיך צו דער פאָלקס־מעשה, גיט איר אַ הויכע ליריש־פּאָעטישע פאָרעם און קומט צו אַ געוויסן עטיש־פילאָסאָפישן אויספיר, ווי אַזוי דער מענטש קען לעשן און איינצאָמען זיין צער און באַדויער.

מאַני לייב פאַרמאָגט אַן איידעלן לירישן טאָן, אָבער ניט קיין הויכע פּאָעטיש־דראַמאַטישע שפּאַנונג. דער דראַמאַטיזם אין פושקינס שאַפונג איז אַן אינעווייניקסטער קאָמפּאָנענט פון זיין פּסיכיק. ס׳איז פאַרפירעריש בכן צו זען ביי די „יונגע״ אַ פושקין־השפעה, סיידן אין מאַני לייבס פּאָעמעס־מעשיות. דאָס בשותפותדיקע איז דאָס, וואָס סיי פושקין, סיי מאַני לייב האָבן גענומען פון דער דערצייל־קונסט ביים פאָלק.

וואָס מאַני לייב האָט גענומען ביים פאָלקלאָר איז די ראַם, די אַטמאָספער, געוויסע פאָלקלאָריסטישע מאָטיוון און סטיליסטישע ווענ־דונגען.

קוקנדיק אויף צוריק האָט אין יאָר 1945 מאַני לייב זיך אַליין פאַר־קלערט וועגן דעם מקור פון זיין דיכטערישער אַנטפּלעקונג און וועגן די

טראַדיציעס אין דער יידישער פּאָעזיע. ער האָט דעמאָלט אַזוי געשריבן:
„טראַדיציעס אין דער יידישער פּאָעזיע — וועלכע טראַדיציעס? ווו זיינען זיי? די פּאָעטן פון מיין דור האָבן שוין ביי זייערע ערשטע טריט געוואָלט וויסן דעם יחוס פון אונדזער פּאָעזיע. און זיי האָבן געשטעלט די פראַגע: אין די פוסטריט פון וועלכע טראַדיציעס אין אונדזער פּאָעזיע זאָלן מיר גיין?... האָבן מיר געזוכט און גענישטערט אין אונדזער פּאָעזיע כאָטש צייכנס, כאָטש אָן אָנדייט אויף טראַדיציעס, וואָס זאָלן אונדז דינען פאַר געבאָטן, און מיר האָבן פאַרשטאַנען, אַז אין אונדזער פּאָעזיע זיינען ניטאָ קיין טראַדיציעס, קיין אידעאַלע מוסטערן און קיין איינגע־געשטאַלטע פאָרמולעס, וואָס מיר מוזן אָפּהיטן. מיר האָבן געוווּסט פון דעם געזעץ: אַז אין דער פּאָעזיע פון אַ פאָלק ליגט דער באַוווּסטזיין פון דעם פאָלק. און מיר האָבן טאַקע אין אונדזער פּאָעזיע דערקענט דעם באַוווּסטזיין פון אונדזער פאָלק, זיין האַרץ און זיין חכמה", („עפּאָכע", דעצעמבער 1945, נומער 20, ניו־יאָרק).

ו) די פּאָעטישע שפּראַך

„איידעלן אַ פאָלקסשפּראַך, האָט געשריבן דוד איינהאָרן, מאַכן זי פאַר אַן אינסטרומענט פון שיינקייט, איז ניט קיין לייכטע זאַך. עס איז ווי שלייפן בריליאַנטן... מאַני לייב פון די אָרעמע הייזער, פון גאָט באַ־שאָנקען מיט דער מתנה פון קלאַנג, פאַרב און וואָרט, מיט אויגן אָפן פאַר אַלץ, וואָס איז שיין, האָט געקענט פון דער יידישער שפּראַך מאַכן אַן אינסטרומענט פאַר דעם פיינסטן און איידלסטן, וואָס אַנדערע פאָלקס־שפּראַכן האָבן לאַנג געדאַרפט וואַרטן אויף דעם" („פאָרווערטס", 22סטער אָקטאָבער, 1955).

אין וואָס איז באַשטאַנען מאַני לייבס שפּראַכלעכער אויפטו? קיין גענויע אויספאָרשונג, ווי דאָס האָבן דורכגעפירט די פאָרמאַליסטן־קריטי־קער אין רוסלאַנד בנוגע זייערע גרויסע פּאָעטן, פאַרמאָגן מיר ניט. דאָך לאָזן זיך אָנצייכענען געוויסע מאָמענטן פונעם דיכטערס וואָרט־שעפע־רישקייט.

„דער אמתער דיכטער, שרייבט דער קריטיקער א. טאַבאַטשניק, באַזונדערס דער דיכטער, וואָס קומט ווי אַ באַנייער, צייכנט זיך אויס

מיט דעם, וואָס אויף יעדן עטאַפּ פון זיין שאַפן, שאַפט ער עפּעס אַזוינס וואָס איז דויערהאַפט און מוסטערהאַפט".

מען מוז זיך אָבער פרעגן, צי איז פאַראַן אַן אַנטוויקלונגס־וועג, צי זיינען פאַראַן עטאַפּן אין מאַני לייבס שאַפן? דער דיכטער אַליין זאָגט עדות דערויף ערגעץ ווו פאַרבייגייענדיק:

„אפשר וועלן פּאָעטן געבוירן פּאָעטן, שרייבט מאַני לייב, אָבער קינסטלער מוז מען ווערן, פּאַרטיקע קינסטלער ווערן ניט געבוירן. און מיר זיינען געווען ניט נאָר פּאָעטן, נאָר אויך קינסטלער. און — ווען ניט די ליבשאַפט צו דער שפּראַך, צו אונדזער וווּנדערלעכער שפּראַך, וואָס איז ביי אונדזער פאָלק ניט הייליק, ניט קיין לשון קודש, וואָלט אפשר יעדער איינער פון אונדז געקענט ווערן אַ גאַנץ גוטער מאָלער, סקולפּטאָר אאַז"וו. ...ווי פּאָעטן־קינסטלער האָבן מיר אין אונדזער פּאָעזיע כמעט ניט געפונען פון וואָס צו לערנען, וואָס אָפּצוהיטן און וואָס אויסצוקלייבן ווי מוסטערן פאַר אונדז. מיר האָבן אָבער ווי יתומים אין אונדזער פּאָעזיע, אויסטערלישע און ווי גרים, זיך דאָ געוואָרעמט ביי די פונקען, די אויפבליצן פון קינסטלערישקייט, וואָס זיינען צעוואָרפן אין אונדזער פּאָעזיע דורך אַלע צייטן. מיר זיינען געוואָרן פּאָעטן־קינסטלער אַן יידישער קינסטלערישער טראַדיציע, נאָר פּאָעטן־קינסטלער אויף דער יידישער שפּראַך. ווּו האָבן מיר געשעפּט די חכמה פון קונסט? טאָקע ביי אונדזער פאָלק, אין זעלטענע אויפבליצן אין אונדזער פּאָעזיע".

מאַני לייב רעדט אויך וועגן דער השפעה פון דער וועלט־דיכטונג אויף די יידישע פּאָעטן.

צו דער כאַראַקטעריסטיק פון מאַני לייבס פּאָעטישן לשון זיינען באַזונדערס וויכטיק די קריטישע אַרבעטן פון א. טאַבאַטשניק. ער איז אפשר דער איינציקער טרעגער פון א תורה שבעל פה וועגן מאַני לייבן. ער פרעגט זיך:

„וואָס מיינט מען, ווען מען רעדט וועגן דער מייסטערשאַפט פון אַ דיכטער? קודם־כל, פאַרשטייט זיך, דאָס קענען באַשאַפן אויף אַ פול־קאָמענעם אופן דעם אינסטרומענט זיינעם — דאָס וואָרט. עס איז אָבער מער ווי דאָס. עס איז ניט נאָר באַהערשן דעם אינסטרומענט. עס איז אפשר מער באַשאַפן דעם אינסטרומענט. מאַני לייב האָט ניט נאָר באַ־

הערשט דאָס יידישע וואָרט, נאָר איז אַליין געווען איינער פון די הויפּט־שאַפער פון יידישן וואָרט, פון יידישער פּאָעטישער שפּראַך.

„וואָרט צו וואָרט איז אָבער ניט גלייך. מאַני לייבס וואָרט האָט אין זיך אַ באַזונדערע איידלקייט, אַ באַזונדערע פיינפילעוודיקייט, אַ באַזונדערן כישוף. דער וואָרטמייסטער איז אָבער קיין מאָל ניט לייכט אויפן וואָרט, פאַרקערט, ער איז שווער אויפן וואָרט, קאַרג אויפן וואָרט, אויסקלייבעריש אויפן וואָרט, ער פאַרבראַקירט מער ווערטער ווי ער נוצט. אין באַשרענקונג איז דער מייסטער. אין אָט דעם אָפּקלייב, אין אָט דער באַשרענקונג, אין אָט דעם פאַרבראַקירן אַזוי פיל ווערטער פונעם פּאָעטישן וואָקאַבולאַר ביז אים, אין אָט דעם זיין פאַרטאַן אין דער „איידעלער און שווערער אַרבעט" פון וואָרט־צמצום, אינעם געברויכן וואָרט אַנשטאָט ווערטער — ליגט דער שליסל צום סוד פון מאַני לייבס פּאָעטישער מייסטערשאַפט.

„ביי קיין שום פּאָעט איז די איינצלנע שורה ניט אַזוי פול ווי ביי מאַני לייבן. ער האָט געשטרעבט וואָס מער אויסשלייפן די שורה, זי וואָס מער אָנלאָדן מיט געפיל, מיט שטימונג, מיט זילב־ווירטואָזקייט.

שנייאיק אין שניי אַ פאַרשנייטער
וויינען צו דיר פונעם שניי.

„ער האָט געשטרעבט צו צוימען און מייסטערן דאָס וואָרט, אַז עס זאָל ניט נאָר ניט שרייען, נאָר אַפילו ניט רעדן צו הויך, נאָר בלויז זינגען און מאָלן:

צו דער זון ניט דערגרייכט האָט מיין פליגל,
אין איר שטראַל האָב איך אָבער געשטראַלט,
אויף דער ערד ווי אין ליכט פון אַ שפּיגל —
איז אויף ערגעץ פאַרקריצט מיין געשטאַלט.

(ציטירט לויטן זשורנאַל „וואָגשאָל", געגעבן אין א. טאַבאַטשניקס **דיכטער און דיכטונג**, 1965).

ביי אברהם ליעסינען דעם תּלמיד־חכם, דעם אַמאַליקן קלויזניק, דעם

למדן, דעם דיכטער פון קדושה, רייסט זיך צו מאָל אַרויס אַ פּלעבעיִשער טאָן. די קלויז האָט ניט אין גאַנצן באַהערשט און איינגעשטילט דעם מאַרק. באַזונדערס פילט מען עס פון צייט צו צייט אין דעם זשאַנער פון זיין פּאַמפלעטיסטישן אַרט שרייבן, זעלטן אין זיין דיכטונג, און ערשט דעמאָלט ווען ער שרייבט סאַטירע.

ביי דעם שניידער־פּאָעט מאָריס ראָזענפעלד רעדט די שאַרפ־קייט און ביטערניש פון שער און אייזן, די געזונטע, פּראָסטע, אָפנהאַר־ציקע און צו מאָל בייזע איראָניע.

מאַני לייב איז אין גאַנצן פריי, אין גאַנצן לויטער, אין גאַנצן אויסגערייניקט פון פּלעבעיִשן שטייגער. זיין שרייבערישער וועג איז נאָר אַרויף און קיין מאָל אַרונטער. מאַני לייב איז פאָלק, דאָס פאָלק, וואָס זינגט צו אונדז מיט האַרציקער, פריידיקער פשטות אין די וויגלידער און ליבעלידער, דאָס פאָלק, וואָס רעדט מיט רייפער חכמה אין די קלוגע ווערטלעך און זאָגענישן; דאָס פאָלק, וואָס חלומט אונדזער חלום אין זיינע מעשיות אין געשיכטן.

מאַני לייבס דיכטונג פאַרמאָגט יענע עכטע אייגנשאַפטן פון דער פאָלקסזעל, וואָס האָבן אין די סאַמע פאַרצווייפלטע יאָרן פון קריזיס, רעאַקציע און סאָציאַלער קאָרופּציע געגעבן מענטשן אַ האָפענונג, אַז דער מין מענטש קען ניט אין גאַנצן פאַרדאַרבן ווערן. ער קען נאָך אַלע תקופות פון דערנידעריקונג צוריק אויפשטיין לויטער, ריין, פול מיט אמת.

אָן דעם פאָלק קען קיין שום יחיד, ווי עקזאַלטירט ער זאָל ניט זיין, ניט לעבן און ניט שאַפן.

עס איז ניטאָ קיין שום גדלות אין מאַני לייבס פערז, קיין געמאַכט־קייט און קיין שום אָנשטעל; ער שטעלט זיך ניט אַרויס פאַר אַ הייליקן (הייליק איז נאָר דאָס מענטשלעכע לעבן); ניטאָ קיין שמץ פון מוסר, קיינע גוזמאות פון ליידן, ניטאָ אויך די גדלות פון געמאַכטער עניוות.

ווען מאַני לייבס פּאָעטישן מהות מוז מען אין סך הכל זאָגן, אַז זיין אמתע שטאַרקייט איז אפשר די שטילקייט, וואָס מיר דערהערן און דערפילן; זיין קלאָרקייט איז די אומקלאָרקייט און ניטבאַשטימטקייט פון מענטשלעכע געפילן.

דער אמת פון מאַני לייבס פּאָעזיע איז, וואָס דער דיכטער ווייזט

אונדז דעם ווונדער פון לעבן, פון ליידן און פון ווערן. זיין פרייד — איז די שיינקייט פון טרויער!

ניט אומזיסט האָבן ביי מאַני לייבן ווערטער אַפּט באַקומען אַן אַנדער טייטש: „שיינקייט" הייסט צו מאָל גוטסקייט, „בלינד" מיינט זעעוודיק, „ווינט" באַטייט די פולקייט פון לעבן.

די „ברידער־פּאָעטן" האָבן די מאַני לייבישע טבע באַמערקט און אים אָנגערופן: דער צויבערער און באַצויבערער פון דער יידישער ליטעראַטור (ה. לייוויק).

✶

אַ גאַנצער דור יידישע פּאָעטן אין אונדזער ליטעראַטור האָט געמוזט דורכגיין די גרויסע ראַנגלעניש קעגן אַן אינעוויניקסטן שונא און פאַרדאַרבער פון עכטער דיכטונג: רעטאָריק, סענטימענטאַליזם, וואָרט־אַרנאַמענטיק. יהואש איז דעם שווערן געראַנגל דורכגעגאַנגען בשלום און זיך אין גאַנצן באַנייט. עס זיינען פאַראַן צוויי שאַרף אָפּגעצייכנטע תקופות אין יהואשעס לעבן און איינע איז גאַרניט געראָטן אין דער צווייטער. אין אָנהייב איז יהואשעס דיכטונג ראָמאַנטיש־סענטימענטאַל, אָנגעלאָדן מיט שפּראַכלעכע פוצן און באַצירונגען. זיין דיכטונג ווערט שפּעטער צמצומדיקער, תנכישער און עכטער, במילא אויך פאָלקישער. מאָריס ראָזענפעלדס וועג איז געווען פון סענטימענטאַליזם צו ריינעם ליריזם. די צוויי טיפּישע ווערק פוןביידע קאַטעגאָריעס זיינען די באַנאַל־סענטימענטאַלע גאַסן־באַלאַדע א"נ „די ליכט־פאַרקויפערין" און די פּאָעמע „מיין יינגעלע".

אויך מאַני לייב האָט אין איין צייט געוווסט, אַז זיין אינעוויניקסטער פאַרדאַרבער איז מסוגל צו זיין ניט נאָר דער הויכער ווייגעשריי, דאָס האָט ער ווי אַ דיכטער געקענט בייקומען, נאָר דער זיסער פאַרדאַרבנדיקער סענטימענטאַליזם. מאַני לייב דערציילט קלאָר און פּשוט וועגן דעם געראַנגל. מאַני לייב איז בכוח געווען ביינצוקומען אין זיך דעם סענטימענטאַליזם דורך אַ געוויסער שפּילעוודיקער פאַרשייטקייט, דורך דערציילן דעם אמת וועגן זיין „קליינקייט" (אונדזער אַלעמענס צומאַליקע קליינקייט) און דורך אַ שטילער איידעלער איראָניע! מאַני לייב איז

ביגעקומען דעם סענטימענטאַליזם אויך דורך אַ ניכטערקייט, וואָס רייסט זיך דורך פון יעדן פּאַטעטישן צויבער. די וועלט איז פאַרן דיכטער פול מיט „בלוי און בלוי״, נאָר אַ דינער חוש פאַר ווירקלעכקייט באַגלייט דעם דיכטער אַלע מאָל און וואַכט איבער אים.

וואָס איז די דיכטער־געשטאַלט ביי די אייראָפּעיִשע סימבאַליסטן? דער דיכטער אין דער סימבאַליסטישער — אימפּרעסיאָניסטישער דיכטונג איז ניט קיין נביא, נאָר אַ צויבערער, אַ מכשף. די סימבאַליסטן אין דער יידישער ליטעראַטור נעמען אַראָפּ די טונקעלע שלייערן פון דער צויבער־געשטאַלט און גיבן איר אַ ווענדונג פון ליכטיקייט, ליכט און גענאָד.

„צויבערמאַן״, „מכשף״ זיינען אין פאָלק קאַטעגאָריעס פון בייז און נידעריקייט, פון ברואים, וואָס טוען שאָדן אָדער נאַרן. דעם סימבאַליזם ברענגט צום גוטן צויבערער, פּאָעזיע ווערט אַ מין אַלכעמיע צו פאַרשטיין און אויפדעקן יענע געפערלעכע „גרענעצן צווישן זיין און ניט־זיין, וואָר און חלום, לעבן און ליידנשאַפט״.

„די בלומען פון בייז״ בליִען אין גאָרטן פון אייראָפּעיִשן סימבאַ־ליזם און ווייזן אַ נייע דימענסיע פון מענטשלעכע שפּירונגען, פון אונדזער תוכיקער מענטשלעכקייט, אין דער יידישער דיכטונג ווערן זיי צו מאָל פאַרוואַנדלט אין „בלומען פון גוטס״.

דעם סימבאַליזם וועט זיין באַשערט צו ווירקן אין דער יידישער ליטעראַטור געפּאָרט מיט אַלערליי אַנדערע אָפט מאָל סתירותדיקע שולן: סימבאַליזם־נאַטוראַליזם, סימבאַליזם־קלאַסיציזם, סימבאַליזם־אַרכאַיִזם, סימבאַליזם־רעאַליזם, סימבאַליזם־אינטעלעקטואַליזם און סימבאַליזם־ראָמאַנטיזם.

די געשטאַלט פון צויבערער איז ניט דורכויס ניי. ביי י. ל. פּרץ פאַרשטעלט זיך אליהו הנביא פאַר אַ קונצן־מאַכער און קומט אין אַ יידיש שטעטל ערב־פּסח. יידן געפינען שפּעטער אויס, אַז די קונצן, וואָס ער ווייזט, זיינען ניט קונצן אָדער סתם כישוף, נאָר האַרט פאַר יום־טוב ווערן זיי ניסים. ניסים זיינען אַ „נאַטירלעכע״ זאַך אין לעבן און אין דער פסיכיק פון יידן הן היסטאָריש גענומען, הן אינדיווידועל. אַן ניסים וואָלט דער יידישער יחיד און דאָס פאָלק במשך פון דורות פאַרפאָלגונגען און רדיפות גאָרניט געקענט דורכלעבן און האָבן אַ קיום.

וואָס איז אין דער פאַרשטענדעניש פון פאָלק דער באַגריף נס? עס

איז די גינסטיקע קאָניונקטור מחוץ דעם דרך הטבע, מחוץ די אייזערנע געזעצן פון געוויינלעכער נויטווענדיקייט, וואָס קומט אומגעריכט צו הילף דעם מענטשן; זיי אַרבעטן, די ניסים, ניט קעגן דער נאַטור, נאָר דורך איר, אויף אַ רגע נאָר בייטנדיק איר גאַנג. ניסים זיינען געווען אין דער פסיכיק פון דורות און דורות די העכערע נויטווענדיקייט. אָפט מאָל אַנטפּלעקט זיך די השגחה דווקא אין דעם ניסימדיקן, ניט־נאַטירלעכן גאַנג פון דער סיטואַציע. ווי קען זיין אַנדערש?

די ראַציאָנאַליסטיש־פּאָזיטיוויסטישע פילאָסאָפיע איז נאָר אַ פּאָר הונדערט יאָר אַלט. ניסים געהערן צו דער קריזיס־פילאָזאָפיע און דער קאַטאַסטראָפע־מענטאַליטעט פון אַלע אַלטע פעלקער; יידן האָבן געוווסט פון דעם לענגער ווי די יונגע אייראָפּעיִשע ציוויליזאַציע.

ז) די דיכטערישע באָהעמע

מאַני לייבס לירישע דיכטונג, וואָס איז געווען אַזוי אינדיווידועל, וואָס האָט צוריק אויפגעלעבט די מאָטיוון פון ליבע, בענקשאַפט, דעם צער פון ליבע, די ליידן פון ליבע, האָט געשאַפן די לעגענדע פון אַ דיכ־טער־באָהעמע. „באָהעמישקייט" איז אַ שטריך פון אַ סך שעפערישע מענטשן. די גאַנצע יידישע ליטעראַרישע סביבה איז געווען אַ מיניאַטור־באָהעמע; שוין אין שלום־עליכמס ראָמאַנען זעען מיר דעם אַנהייב פון דער יידישער באָהעמע, למשל, אין „יאָסעלע סאָלאָוויי" און אין „די בלאָנדזשענדיקע שטערן". מיר טרעפן דאָרט כלי־זמרים, משוררים, בראָ־דער זינגער; צוליב זייער וואַנדערן און אַרטיסטישע אינטערעסן זיינען זיי שוין אַ מין אַנהייב פון אַ באָהעמע־שיכט. אויך די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג האָט באַשאַפן איר באָהעמע.ביידע זיינען אין דער אמתן גע־שטאַנען זייער נאָענט איינע צו דער אַנדערער. „בונטאַרישקייט" קריגט אַן אויסדרוק אַ מאָל אין רעוואָלוציאָנערע און אַ מאָל אין פּאָעטיש־קינסט־לערישע מעשים.

דער שטריך פון „ניהיליזם" איז אַ שטריך, וואָס די דרויסנדיקע, די „מיושבע" לייט מחוץ דער באָהעמע, שרייבן איר צו. באמת געפינען זיך אין דער באָהעמע די איבערגעגעבנסטע און געטרייסטע נשמות, וואָס פילן די אחריות פאַר דער ווערטפולקייט פון לעבן, די חשיבות פון מענטש־

לעכע באַגערן, און דאָס רעכט פֿון יחיד און פֿון פֿאָלק. דאָס זיינען די רעבעלן קעגן אַלע קייטן, וואָס די געזעלשאַפֿט און די ציוויליזאַציע אַליין טוען אָן אויפֿן מענטשן; די „באַהעמען" זיינען די, וואָס טרעטן אַרויס קעגן אַלעמען, ווען עמעצנס פּאָליטישע און עקאָנאָמישע אינטערעסן ווילן ניט דערלאָזן די פֿולע אויפֿוואַכונג פֿון די פּסיכישע כּוחות אין מענטשן. אין יעדער סביבה זיינען פֿאַראַן די שומרים פֿון אַן איינגעפֿרוירענער אין אייז־פֿאַרקאַוועטער געזעלשאַפֿט.

קינסטלער, סאָציאַלע קעמפֿער, שטעלן מיט זיך פֿאָר אַן אַוואַנגאַרד־שיכט, וואָס צעטרייסלען ביסלעכווייז די קאָנווענציאָנעלע מאָסן און די כלומרשטע סטאַטעטשנעקייט פֿון דער געזעלשאַפֿט.

די אַוואַנגאַרד־וועלט איז אָבער אויך אַ וועלט; דאָס הייסט, זי פֿאַרמאָגט איר קאָדעקס פֿון עטיק, וואָס באַשטימט די באַציִונגען פֿון בין אדם לחברו, זי פֿאַרמאָגט אויך אירע לאַווס.

אין דעם רעוואָלט פֿון דער גרופּע דיכטער, „די יונגע", מוז מען זען אַ מין אויפֿשטאַנד קעגן די קאָנווענציאָנעלע מידות פֿון דער געזעלשאַפֿט, קעגן איר פֿאַרשטייפֿטן אופֿן טראַכטן, איר איינגעשרומפּענער לאָגיק. יעדע געזעלשאַפֿט באַשאַפֿט אַ פּאַנצער צו באַשיצן זיך קעגן די אַנדערש־טראַכטנדיקע. אין דער אייראָפּעיִשער געזעלשאַפֿט וואָלט אַזאַ בונט בעיקר געווען געווענדט קעגן דער בירגערלעכער געזעלשאַפֿט, איר צביעות, אירע פֿאַלשע פֿאַראַנדקעס און איר פּוריטאַנישקייט. אין די פֿאַראייניקטע שטאַטן, אין דער צייט פֿון פֿאַרן ערשטן וועלטקריג, איז אין דער יידישער אַמעריקע די געזעלשאַפֿט געווען בעיקר אַ פּראָלעטאַרישע; די וואָס האָבן געפֿירט די גרענדע זיינען געווען די „טריבונען" פֿון דער צוקונפֿט, אירע פּלאַנירער, פּריידיקער, אינזשיניערן און באַגייסטערער.

די „יונגע" זיינען אין דער דאָזיקער רעוואָלוציאָנערער סביבה געווען די פֿאַרפֿרעמדטע, זיי זיינען געווען פֿאַרניינער פֿון די פֿאַרניינער, אַפּליי־קענער פֿון דער העכסטער אַפּלייקענונג.

ווי „פֿאַרפֿרעמדטע" זיינען זיי געווען בכוח צו באַמערקן געוויסע סאָציאַלע אמתן, וואָס מען האָט זיי בשעתו ניט באַמערקט. ערשט נאָך צענדליקער יאָרן פֿון אַ רעוואָלוציאָנערער תקופֿה קענען מיר זען: די טבע פֿון יעדער געזעלשאַפֿט, אפֿילו נאָך אַ סאָציאַלער רעוואָלוציע, צו באַשאַפֿן צוימען, צו דערדריקן די בונטאַרישע נאַטורן און צו ווערן פֿי־

ליסטעריש. יעדע רעוואָלוציאָנערע געזעלשאַפט באַשאַפט צו מאָל איר אַבסורדן היפּון׳.

נאָך עפּעס האָבן מיר באַמערקט, דאָס איז די מאָראַל און דעם וועלט־באַנעם פון מענטשן, וואָס שטייען אין אַ סאָציאַלן און פּאָליטישן בונט קעגן דער איינגעשטעלטער געזעלשאַפט: דאָס איז זייער טראַגישער ניט־פאַרשטיין די טבע פון קונסט און די רעכט פונעם קינסטלער אויף זיין אייגענער יחידישער פרייהייט.

די „יונגע״ רופן אָן זייערע פּאָליטישע אָפּאָנענטן „מענטשן אָן כאַ־ראַקטער, אָן קראַפט, אָן ליבע״. דאָס איז, פאַרשטייט זיך, געווען אַ גוזמא. פאַר זיך, פאַר זייער אייגענער גרופּע האָבן „די יונגע״ געהאַט אַ שטרענגן קאָדעקס פון אויפּפיר, בעיקר וואָס שייך זייער קינסטלערישן שאַפן.

ח) דער דיכטער און זיין צייט

מאַני לייבס דיכטונג איז ניט געווען באַהערשט פונעם רעוואָלוציאָנערן צייטגייסט, דאָך, ווי אַ מענטש און אַ שרייבער, האָט מאַני לייב געווירקט אין אַ ראַם פון אַ ליטעראַרישער טראַדיציע און די ווירקונג און קעגנ־ווירקונג לאָזט זיך אָפּזוכן און דאָקומענטירן.

צו ערשט לאָזט זיך פילן די ווירקונג פון די דיכטער קעגן וועמען די „יונגע״ זיינען אַרויסגעטראָטן. אין טייל לידער פון מאַני לייבן איז פאַראַן אַ מין שפּילן זיך מיט אַלטע פּאָעטישע טראַדיציעס פון זיינע פאַרגייער — די סאָציאַלע פּאָעטן. מאַני לייב פאַרמאָגט בפירוש אַרבעטער־לידער, גוטע, אַרנטלעכע, מיט אַ דין־דינעם געפיל פון טרויער דורכגענומען. עס איז ניטאָ אין זיי קיין שפּור פונעם האַמעטנעם שווערן גאַנג, צו וועלכן מיר זיינען געוווינט. אַן אַרבעטער־ליד איז אַ שטייגער מאַני לייבס „אויף דער פינפטער עוועניו״ (לידער און באַלאַדן, באַנד איינס, ז׳ 88). דורכן ליד קלינגען אָפּ דוד עדעלשטאַטס ווערטער: אָוונט־גלאָק, סיגנאַל, שטונדן, קראַנק, ווונדן. דורך דעם באַהעפט זיך מאַני לייב מיט דער טראַדיציע פון דער אַרבעטער־דיכטונג, ניט אָפּצוגרענעצן זיך פון איר, נאָר אָנשפּאַרנ־דיק זיך אויף אירע אַסאָציאַציעס, ווייל די לידער פון עדעלשטאַטן האָבן געלעבט און געווירקט. די ווערטער זיינען נאָר איינצלנע אָנוווּנקען, און איר דערפילט זיי אומגעריכט, אַזוי ווי דאָס פלעמל פון אַ גליווערעמל. די

גאַנצע אַטמאָספער איז דורכויס אַן אייגענע, דאָס איז די מאַני לייבישע וועלט פון האַלב־וואַר און האַלב־ווונדער. איר סימן איז וואָס די אינעווייניקסטע נשמה־וועלט פון מענטשן און די דרויסנדיקע, די רעאַלע וועלט, ווערן ווי דורכגעשפונען מיט פילקאָלירטע דינע פעדעם־פאַסן; ליכט און שאָטן, ווירקלעכקייט און דעמערונג, אמת פון לעבן און דער אויפגעלויכטענער ווונדער איבער ווונדער מישן זיך צונויף.

מען דאַרף וויסן ווי באַווירקט עס איז געווען די יידישע אַרבעטער־סביבה אין די פאַראייניקטע שטאַטן פון די פּראָלעטאַרישע דיכטער און ווי באַווירקט די יידישע דיכטונג איז געווען פון די שטאַרק־רעליעפע אימאַזשן פון דוד עדעלשטאַט און יוסף באָוושאָווערן. די סאָציאַלע דיכטער זיינען געווען אַלטמאָדיש אין זייער פּאָעטישער דיקציע, אָבער ווי קעמפער זיינען זיי דאָך געווען די שטורעם־פייגל און די אַנזאָגער פון אַ נייער צייט. ווען האָט דיכטונג פאַרמאָגט אַזאַ השפעה אויפן לעבן? ווען ווען לידער האָט מען אַזוי הייס געזונגען אויף נאַרעס פון תפיסות, און אָפט מאָל נאָר צוגעברומט ווען מען האָט באַגלייט אַ רעוואָלוציאַנער, וואָס מען האָט אים געפירט צו עקזעקוציע? עס זיינען פאַראַן ווערטער, וואָס ווערן סימבאָלן, און שאַפונגען, וואָס קענען הייליקן די גרויקייט און מעשים פון לעבן. און עס זיינען פאַראַן קריזיסן אין לעבן און מעשים, וואָס קענען הייליקן ווערטער און אָפּווישן זייער גרויקייט און זיי דערהויבן.

מאַני לייב, ווי אַ דיכטער, האָט געשאַפן זיין אייגענע אַטמאָספער, נאָר ערגעץ ווו האָט ער געגומען איינציקע ציגל־ווערטער אויך פון דער וועלט, פון וועלכער ער האָט זיך געוואָלט אָפּגרענעצן. דאָס קומט אַלץ פאַר אין דעם פעריאָד ביזן יאָר 1920.

וועגן סאָציאַלן מאָטיוו ביי מאַני לייבן האָט זייער ריכטיק געשריבן איציק מאַנגער:

„דער סאָציאַלער מאָטיו איז אַ טראַדיציאָנעלער מאָטיוו אין דער יידישער פּאָעזיע. מאַני לייב מיידט אים נישט אויס. פאַרקערט, ער לייטערט אים, דערהויבט אים...

„אין הייזער אָרעמע איז דאָ אַזוי פיל שיינקייט", הייבט אָן מאַני לייב איינס פון זיינע ביז גאָר שיינע לידער. מאָריס ראָזענפעלד וואָלט געזאָגט „אין הייזער אָרעמע איז דאָ אַזוי פיל צאָרן"; אברהם רייזען וואָלט געזונגען „אין הייזער אָרעמע איז דאָ אַזוי פיל גוטסקייט", אוןביידע וואָלטן

געזאָגט אַ פּאָעטישן אמת. מאַני לייב גיט דער אַרעמקייט אַן עסטעטישן אַספּעקט. „שיינקייט" איז אַ נייער אויפטו, און ווידער אַ מאָל אמת. מאַני לייב האָט זי אַנטדעקט:

און ביי דעם אַלטן פייער פון די דאַרע קוילן,
אַרום די טישן קעפּ געלענט אויף עלנבויגן,
די אויערן געשפּיצטע, און אַלטע בערד דערציילן...
די רייד פון צער און חכמה און פון ניסים נישט געשטויגן.

(פון איציק מאַנגערס הקדמה צו דער צווייטשפּראַכיקער אויסגאַבע פון מאַני לייבס לידער, וואָס איז דערשינען אין ישראל).

פאַראַן דיכטער, וואָס האָבן געפילט, אַז זיי שטייען אין סתירה מיט דער צייט, ווען זיי איז באַשערט געווען צו לעבן. מנחם באָריישאָ האָט זיך אָפּן באַקלאָגט אויף דעם. די צייט, האָט ער געפילט, און דאָס מאָדערנע מענטשלעכע געמיט, פאַרמאָגן ניט די פעיִקייט אויפצונעמען זיין תפילה־דיקייט, זיין אמת פון אמונה; די צייט איז געווען צו פאַרשייט, צו גשמיותדיק און האָט ניט געקענט אויפנעמען די אַלטע מענטשלעכע בענקשאַפט, וואָס זוכט באַהעפטונג מיטן מקור. די אַלטע רעליגיעזע יידישע ליטעראַטור האָט געפונען די פאַרעם פאַר יענער טיפער און איי־ביקער אומרויִקייט, וואָס באַוועלטיקט די מענטשלעכע נשמה. דער מאָ־דערנער מענטש איז אָפט מאָל ניט וויניקער באַהערשט פון זעלבן אַנגסט און אומרו פון לעבן, נאָר די רעוואָלוציאָנערע צייט האָט אים טויב און שטום געמאַכט צו דערהערן אין זיך דעם אמת פון זיין מענטשלעכער באַשערטקייט.

אויך ליעסין האָט געהאַט פאַראיבל אויף דער צייט, ער האָט אין צייט־גייסט, וואָס האָט זיך געביטן, ווי ער האָט געמיינט, און אין די נייע ליטע־ראַרישע מאָדעס, געזען אַ סתירה צו זיין אייגענער אַנטוויקלונג ווי אַ דיכטער. וואָס ער האָט געזאָגט וועגן דעם, איז ווייניק און אָפט מאָל נאָר איראָניש; עס האָט אָבער אָפּגעשפּיגלט זיין איזאָלירטקייט פון לעבן.

מאָריס ראָזענפעלד האָט געטראָגן פאַראַכטונג און ביטערניש צו זיין אייגענער סביבה; אין זיין פאַל איז געשען אַזוי, אַז די צייט, וואָס האָט אים אַנערקענט און געקרוינט, האָט ניט פאַרשטאַנען אָדער ניט געוואָלט

פאַרשטיין זיין פּוילן מהות. די רעוואָלוציאָנערע סביבה אין די פאַראייניקטע שטאַטן האָט אים אָנערקענט ווי אַן אַרבעטער־פּאָעט און שפּעטער גערופן בדחן, באשר ער האָט אויך אַרויסגעוויזן אַפן ליבשאַפטן, וואָס איז דעם צייטגייסט ניט געווען ליב. מאָריס ראָזענפעלד האָט אין זיין דיכטונג פאַרמאָגט אויך עכטע נאַציאָנאַלע מאָטיוון.

ה. לייוויקס וועג אין דער ליטעראַטור קען מען זיך גאָרניט פאַר־שטעלן, אָן דער היסטאָרישער ראַם, אָן די רעוואָלוציאָנערע האָפענונגען, אַנטוישונגען, אָן זיין באַשערטקייט צו זיין דער עדות פון דעם גרויסן צאַרן, דער עדות פון תפיסה, קאַטאָרגע און פאַרשיקונג, אָן דעם רעוואָ־לוציאָנערן באַרג־אַרויף און שפּעטער די גרוילן פון אומקום. באַשערטע צייט, באַטייט ניט גנעדיקע צייט; עס מיינט די צייט, וואָס האָט געקאָנט אין מענטשן אַרויסרופן זיין העכסטע אָנשטרענגונג, אַרויסברענגען די טיפסטע איבערלעבונגען, אים צווינגען „פאַרשן" זיין אייגן האַרץ און געוויסן און אין דער טונקלקייט פון זיין מענטשלעכן בלאָנדזשען און אַנגסט דערזען ליכט און דערקענונג.

מאָני לייב האָט ניט געדאַרפט פירן קיין קריג מיט זיין צייט, כאָטש ער האָט זיך געבונטעוועט קעגן די ליטעראַרישע מאָדעס, ווייל דאָס וואָס האָט אים אויפגערודערט, גערעגט, דערפרייט, געהערט ניט צו קיין שום צייט, תקופה, נאָר געהערט צום מענטשן אַלע מאָל. ניט געקוקט אויף אַלע רעפאָרמען, האָפענונגען, אילוזיעס, דערגרייכונגען, איז דער מענטש אַלע מאָל געווען, און ווער ווייס צי ער וועט אַ מאָל אַנדערש זיין, הן דער פאַרפרעמדסטער, הן דער נאָענטסטער סיי פון דער ערד, סיי פון הימל. דעם מענטשנס גאַנצער זיין און באַרוף איז אַ סתירה.

ט) דער דיכטער פון שיינקייט און ווונדער

מאָני לייב און זישאַ לאַנדוי האָבן ווי דיכטער געגלויבט אין דעם כוח פון וווּנדער, זיי האָבן געוואָלט אויפכאַפּן דעם וווּנדער פון לעבן, פון דער וועלט. ביי זישאַ לאַנדוי האָט עס געמוזט זיין דער וווּנדער, וואָס לעבט אין קליינע זאַכן, אָדער אין די גרויע רגעס פון לעבן. עס איז געווען אַזוי, ווי זיי וואָלטן געזוכט דעם „קליינעם וווּנדער", וואָס אַנטפּלעקט זיך פאַרן מענטשן אין די סאַמע אומגעריכטע און פשוטסטע נישטיקייטן

פון לעבן. עס איז ביי זיי געווען אַ גלויבן, אַז אמתע דיכטונג מוז ווייכן ניט נאָר פון טומלדיקע ווערטער, נאָר אויך פונעם טומל פון לעבן. אין די גרויקייטן, אין די געוויינלעכע געשעענישן פון מענטשנס טאָג־טעגלעכן לעבן דאַרף דער דיכטער געפינען גאָר די שיינקייט, דעם אמת און דעם וווּנדער.

דערצו איז אין דעם אני מאמין פון די „יונגע" געווען דער ערשטער געבאָט פשטות. מאַני לייב האָט דעריבער געשריבן: „קום פשטות מיין". אינעם ליד בעט זיך דער דיכטער: „קום פשטות קלאָרע... שנייד אויף דעם שוואַרצן פּלאָנטער פון מיין זעל".

זיין באַגער איז קלאָרקייט, קענען אַרויסגיין פון דער טיפער פינצ־טערניש.

און וואָס אין טיפער פינצטערניש פון מיינע אויגן
איז בלינד, פאַרבלענדט געווען, פאַרהילט און פרעמד,
זאָל ווערן קלאָר פאַר מיר, ווי ליכט פון רעגנבויגן
און ווי דאָס ווייסע לייוונט פון מיין העמד.

דאָס עכטע ליד דאַרף לויט די „יונגע" ניט זיין אויפגעטורעמט און קאָמפּליצירט; עס דאַרף פאַרמאָגן די ערלעכע און שיינע מידה פון פשטות. דאָך, זיינען ניט מאַני לייב און ניט זישאַ לאַנדוי געווען דיכטער פון סתם פשטות. זייערע שטימונגען זיינען געווען פאַרוויקלטע, סתירות־דיקע, פול מיט אַנגסט און בענקשאַפט נאָך נשמה־רו. זייער ליריק האָט די יידישע דיכטונג געמאַכט רייצנדיקער, עס האָט אָפּגעפרישט און אַריינ־געבראַכט אַ נייע אַטמאָספער אין דער יידישער ליטעראַטור.

בכלל האָט די דיכטונג פון די „יונגע" געמאַכט אַ סוף מיט דער טבע אין דער אַלטער יידישער דיכטונג — אַלץ צו באַווייזן. מיט ניט קיין אומגערעכטער איראָניע האָט וועגן דעם געשריבן זישאַ לאַנדוי.

✶

אין איין צייט האָט מען די „יונגע" פאַרבונדן מיט דער באַוועגונג פון נעאָ־ראָמאַנטיזם אין דער אייראָפּעישער ליטעראַטור. מען האָט געמאַכט

אַן אונטערשייד צווישן דער אַלטער ראָמאַנטישער שול און דער נייער. די ראָמאַנטיקער פון פריִערדיקן דור האָט געצויגן צו דער פאַרגאַנגענהייט, צו אַלטע שלעסער און טיפע ברינעמער, צו בית־עולמס און אַלטע מיט מאָך פאַרוואַקסענע קברים. די נעאָ־ראָמאַנטיקער האָבן געקוקט אויף פאָרויס. זייערע אויגן זיינען געווען געווענדט צו דער צוקונפט. מען האָט די באַוועגונג מיט רעכט אָנגערופן „די רעוואָלוציאָנערע ראָמאַנטיק".

וועגן דער נייער ריכטונג האָט אין איינעם פון די ערשטע נומערן פון די „שריפטן" געשריבן מיט אַ סך פאַרשטענדעניש דער קריטיקער ב. ריווקין. די גרופע „יונגע" זיינען אָבער ניט געווען קיין ראָמאַנטיקער, ניט פון אַלטן און ניט פון נייעם שניט. ביי מאַני לייבן וואַרפן זיך דורך געוויסע געפילן, שטימונגען און מחשבות, וואָס געהערן צו דער אמונה פון די נעאָ־ראָמאַנטיקער. אין טיפסטן תוך זיינען אָבער די „יונגע" על־פּי זייער אָריענטאַציע נענטער צו די סימבאָליסטן און אימפּרעסיאָניסטן. די גרויסע אַנטציקונג, וואָס די ראָמאַנטיקער פאַרמאָגן צו די בלענדנדיקע שיינקייטן פון דער נאַטור, צו פעלזיקע בערג, ימים, אָפּרונטן, אייביקע טונקעלע וועלדער, איז זיי אין גאַנצן פרעמד. די ראָמאַנטיקער ווערן אַנטציקט פון דער נאַטור אין איר פרימיטיוו־„ווילדן" צושטאַנד. זיי באַדאַרפן די נאַטור, כדי זיך אָנצוזעטיקן מיט איר שיינקייט, אויפצושטורעמען זייער נשמה. דער נאַטור־פּייזאַזש האָט געדאַרפט זיין אָטעם־פאַרכאַפּנדיק און ליידנשאַפטלעך.

דער „וווּנדער" אין מאַני לייבס אַנטציקונג שטאַמט גאָר פון אַזעלכע פּשוטע זאַכן, ווי דאָס שוואַרצע ברויט, וואָס מיר עסן, דער שמייכל פון קינדער, דאָס פּראָסטע זאַלץ. די אַלע אָביעקטן זיינען געווען צו געוויינלעך, צו פּשוט, כדי צו אַנטציקן דעם אמתן ראָמאַנטישן דיכטער. זיינע באַליבטע סיטואַציעס זיינען: אַ שטורעם אויפן ים, אין רויט־פאַרגייענדיקן זונאונטערגאַנג, אַ שלאַקס־רעגן אין דער טיפער נאַכט, וואָס רייסט אַרויסביימער, — זיי אַלע זיינען אַן אָפּשפּיגלונג פון דער אומרויִקער, ליידנשאַפטלעכער און שטורמישער נשמה פון מענטשן.

די ראָמאַנטיק האָט אַרויסגעגעבן גרויסע דיכטער, וואָס זיינען געוואָרן אַ טייל פון דער רייכער גייסטיקער ירושה, וואָס יעדע תקופה לאָזט איבער. דאָס ראָמאַנטישע געמיט איז אָבער ניט געווען דאָס געמיט פון מאַני לייב, זישאַ לאַנדוי און ראובן אייזלאַנד. זייער כוח איז געלעגן

אין שטילקייט, אין אויפכאַפּן די איידעלע און שטילע רעגונגען אין דער מענטשלעכער נשמה.

זישאַ לאַנדוי באַשרייבט אין זיינע לידער דעם לאַנגווייל, די אומ־פאַרשטענדלעכקייט פון מענטשנס טוונגען. זיי איז באַשערט געווען אויפצוכאַפּן גאַר אַנדערע שטימונגען און איבערלעבונגען, וואָס געהערן אויך צום לעבן פון מענטשן. דעריבער האָבן זיי אַרויסגעשטעלט אין זייער קרעדאָ די אומגעריכטע ווערטער — ווונדער, פּשטות און די פּאָעזיע פון געוויינלעכע, גרויע, אָבער אמתע סיטואַציעס אין לעבן פון מענטשן. זישאַ לאַנדוי האָט אַזוי געזונגען:

ביז ס׳וועט קומען אונדזער שעה,
איז אַזוי פיל פרייד נאָך דאָ,

ווו די אויגן נאָר געווענדט,
ווערסט פון ווונדער באַלד פאַרבלענדט.

קינדער, וואָס קוים קענען שטיין,
הייבן פּלוצלונג אָן צו גיין.

טאָג איז העל אין זונענשיין,
און אָט הילט די נאַכט זיך איין.

צווישן דיינע שוואַרצע האָר
זע, עס וואַקסט אַ גרויע גאָר.

און אַזוי פון טראָט אויף טראָט,
ווונדער, ווונדער פון זיין גנאָד.

(געדרוקט אין „ליטעראַטור און לעבן״, מאַי 1915).

קיין שום דיכטער אין מיטן 20סטן יאָרהונדערט האָט ניט געקענט אויסמיידן דעם סאָציאַלן שטאַמפּ, דאָס איז אָבער געווען אַן אַלגעמיינע

און ניט קיין אינדיווידועלע כאַראַקטעריסטיק פון שרייבער; אויך איציק מאַנגער האָט פאַרמאָגט סאָציאַלע לידער ווי די „באַלאַדע פון הונגער". ווערט ער אָבער דורך דעם אַ סאָציאַלער דיכטער? אויך מאַני לייב פאַר־מאָגט סאָציאַלע מאָטיוון איינגעפּעדעמט אין זיין לירישן שאַפן; מיר ווייסן אויך מיט וועמען עס זיינען דעם דיכטערס סימפּאַטיעס: ער פילט מיט און פילט זיך אויסגעבונדן מיט די אָרעמע און באַעוולטע. אָבער דער סאָציאַלער פּראָטעסט איז ניט זיין עיקר־מאָטיוו.

מאַני לייב איז, ווי די ברידער־פּאָעטן האָבן אים אָנגערופן, דער „בן־מלך" אין דער יידישער פּאָעזיע; ער איז געקומען עפּעס פון אַן אויסטערלישער וועלט, מיט אַ סך עשירות און אויך מיט וווּנדער־צייכנס אין זיין רשות. דאָס, וואָס דעם בן־מלך איז באַשערט איבערצולעבן אָרעמקייט, יסורים און נויט, איז צוליב עפּעס אַ גזר, וואָס קיינעם איז ניט באַוווּסט, אָבער זיין הויכער אָפּשטאַם און זיין פּרינצלעכע טבע ווערט פון דעם ניט געמינערט און דאָס פאָלק דערקענט אין אים זיין אמתע שיינקייט און פּראַכט. מיר פילן ווי די השגחה וואָלט געזאָגט:

„די שיינקייט זאָל ניט אָפּגעטאָן ווערן פון דיין טרויער און אומעט; איך קען דיר ניט באַשערן קיין אַנדער גורל, ווי אַלע מענטשן־קינדער; און דער גורל פון דיין פאָלק וועט זיין דיין גורל, נאָר איינס קען איך דיר געבן — די ברכה צו זען צוזאַמען מיטן טרויער און צוזאַמען מיטן צער, די שיינקייט, וואָס איז פאַרפּלאָנצט אין דיין לעבן, און די שיינקייט, וואָס לעבט אין מיין גאַנצן באַשאַף. וויפל אומרעכט עס זאָל אין אים ניט זיין, האָב איך דאָך געשאַפן אַלץ מיט חסד און גנאָד".

אין זכות פון דער ברכה האָט דער דיכטער געהאַט דאָס רעכט צו זאָגן מיט פולער באַשיידנקייט:

פון שטויב האָט גאָט מיך אויפגעהויבן
און מיך דערהויבן איבער אייך.

שיינקייט איז געווען מאַני לייבס פּאָעטישער „אני־מאמין"; ער זאָגט וועגן דעם אין זיין פּאָעמע אונטערן זעלבן נאָמען. ער זאָגט עס אויך אין דער פּאָעמע „אברהם ליעסין און איך".

שיינקייט

אָרעם, איינגעשפּאַרט און גלייביק
און דורך אַלע פּיינען ריין,
בין איך אייערער אויף אייביק,
ווייסער ביין פון אייער ביין.

אין דעם יאָך פון גרויער קליינקייט —
צו דעם מינדסטן בין איך גלייך;
נאָר אין ליידן פאַר דער שיינקייט
בין איך אויסגעטיילט פון אייך.

שיינקייט אויף דער ערד, וואָס וואָגלט,
ווײנט פאַרשעמט פון יעדן אָרט,
ברענג איך אייך אַ פולן לאָגל
אין דער שיינקייט פונעם וואָרט.

דער דיכטער איז ניט קיין בראַוואַדאָ־ריטער, וואָס וועט מיט גרויס באַרימערײַ אויסרופן: שיינקייט, דאָס בין איך! ניין, ער איז ערלעכער און באַשיידענער; דער דיכטער זאָגט: אין טראָגן דעם עול, וואָס איז דעם מענטשן באַשערט, אין דער גרויקייט און קליינקייט פון לעבן, קען ער זיך צוגלייכן צום קלענסטן צווישן מענטשן, נאָר אין דעם ליידן פאַר דער שיינקייט איז אים באַשערט אַן אַנדער זכות.

די שיינקייט אויף אונדזער אומגערעכטער ערד וואָגלט, די שיינקייט ווײנט, זי איז פאַרשעמט, נאָר דער דיכטער ברענגט אַ פולן לאָגל שיינקייט אין וואָרט. און מיט דעם איז ער אויסגעטיילט פון אונדז אַלעמען; ניט העכער, ניט יחוסדיקער, נאָר „אויסגעטיילט". מאַני לייב זוכט דאָס שטילס־טע און עניוותדיקע וואָרט.

אין דער ווירקלעכקייט האָט מאַני לייב געוווּסט דעם שווערן גע־ראַנגל, וואָס ער האָט געמוזט דורכגיין הן ווי אַ מענטש און הן ווי אַ דיכטער.

„ווער בין איך געווען און וואָס בין איך געווען? געקומען פון אַ שטומער וועלט, געווען אַ שטאַמלער און אויסגעוואַקסן אַ פּאָעט ביי יידן".

מיט דאַנקשאַפט צו זיין גוטן גורל האָט ער דעם אייגענעם פּאָעטישן וועג באַזונגען אין אַ סאָנעט.

געבענטשט...

געבענטשט זאָל זיין די ערד פון אונטער מיינע טריט,
און איבער מיר די זון, וואָס צייכנט מיינע טעג;
די ווינטן אין די ר׳וימען, וואָס איך זע זיי ניט,
נאָר ווי דאָס גראָז באַרירן מיך אויף זייער וועג;

דיביימער, וואָס זיי וואַקסן פאַר דער הייסער זעג;
די חיות, שטומע, וואָס איך פיל ווי ברידער מיט;
די פייגל, וואָס זיי רופן צו מיין גרויען ברעג
אַרויף נאָך זייער הויכן פליגל מיין געמיט.

געבענטשט, געבענטשט. נאָר טויזנט מאָל געבענטשט זאָל זיין
פון מיין געבאָרן יענער ערשטער טאָג,
ווען איך האָב אַלדי וווּנדער אויף דער וועלט דערזען.
איך זאַמל זיי דורך טעג און וואַרעם זיי און טראָג

צו לייגן זיי ביים קבר, ווו די פיין שלאָפט איין
פאַר גליקלעכע ווי איך, וואָס וועלן קומען ווען.

י) מאָטיוון אין מאַני לייבס שאַפן

ביי מאַני לייבן, ווי ביי אַנדערע יידישע דיכטער אויפן נייעם קאָנ־טינענט, איז פאַראַן דער מאָטיוו פון היימווײ. דער מאָטיוו ווייזט זיך אין אַלערליי וואַריאַנטן. בענקשאַפט נאָך דער אַלטער היים איז געווען אַ גרונט־מאָטיוו אין דער פּאָעטישער שאַפונג אויף יידיש. דעריבער איז נויטיק אפשר צו זען ווי דער אייגענער מאָטיוו געפינט אַן אויסדרוק ביי

מאַני לייבן. מיט וואָס איז ער אַנדערש? הערט מען זיך גוט צו צו מאַני לייבס לידער פון היימוויי, פילט מען, אַז זיי זיינען מער סוגעסטיוו, איינגעהאַלטן און צאַמען דעם ווייגעשריי, וואָס לאָזט זיך הערן ביי אַנדערע דיכטער. און דאָך שניידן זיי זיך טיף איין אין אונדזער געמיט מיט זייער איידעלער לירישער שטימונג.

ס׳איז גענוג צו דערמאָנען די לידער פונעם ערשטן באַנד „לידער און באַלאַדן": „מיין ווייטער פריינד" (זייט 23), „לענדער און ימען" (זייט 19), „ביים פענצטער" (זייט 24), „די בריק איז פוסט געווען" (זייט 34).

אַ מאָטיוו, וואָס שלענגלט זיך דורך אין אַ סך פון מאַני לייבס פריזע לידער איז פאַרפרעמדונג; קודם די פאַרפרעמדונג פון איינצלנעם אין דער גרויסער שטאָט, פונעם מענטשן, וואָס לעבט איבער די פולע שיינקייט פון אַ שטאָט, וואָס צינדט זיך אין אַלערליי פייערן און קאָלירן, נאָר דער מענטש דערפילט זיך דאָך פרעמד און ווייט אין איר.

און דיינע אויגן זיינען קאַלט און אויסגעלאָשן.
זיי פירן דיך אין רעש פון גאַסן אום,
נאָר פרעמד איז דיר די וועלט, וואָס רינגלט דיך אַרום.
דו הערסט אַ פרעמדן אומבאַקאַנטן לשון,
דו הערסט דאָס פרעמדע לעבן רעדט, נאָר שטום
די ליפּן דיינע זיינען — שטום און צוגעשלאָסן.

וואָס טויג דעם מענטשן, וואָס

...העל־באַלויכטענע די באַנען וועלן ברילן,
ווי שלאַנגען פליענדיק דורך דעכער אין דער הייד,
און אונטן וועלן רויען זיך אין רעש, ליכט און רויך,
טראַמווייען, פורן, מענטשן און אויטאָמאָבילן.

די פרעמדע וועלט מוז ניט זיין שלעכט, פאַרדאַרבן, רשעותדיק, ס׳איז גענוג, אַז זי איז פרעמד. ס׳איז גענוג, אַז איר פרייד, איר לעבן שרייט פון אַלץ און אומעטום און מאַכט דיין וועלט אַנטשוויגן ווערן, שטום. אַזוי

שילדערט מאַני לייב די פאַרפרעמדונג און דעם היימוויי אין דער וואונדער־שטאָט ניו־יאָרק.

ווי אַ ליריקער זעט מאַני לייב אויך אַנדערע סתירות אין מענטשן, ער פילט אויך די פאַרפרעמדונג צווישן מאַן און פרוי, ווי זי ווערט געשילדערט אין דער „באַלאַדע פון צוויי״. מיר זעען די באַענטקייט, וואָס ווערט פרעמד, דער מאָדנער סוד פון מענטשנס האַרצן, וואָס מאַכט פרעמדע נאָענט און נאָענטע פרעמד.

מיר זעען אויך די פאַררעטערישקייט פון מענטשנס האַרץ, פון זיין ליידנשאַפט, די רעטעניִשדיקייט פון זיינע טוונגען — דער מאָטיוו זוכט זיך אָפּ צוריק ביז צו די סאַמע שפּעטע שאַפונגען פון דיכטער, אין איינעם פון זיינע סאָנעטן — „ביים שוועל פון גליק״ („לידער און באַלאַדן״, באַנד איינס, ז׳ 292).

„די באַלאַדע פון צוויי״, פונקט ווי „די באַלאַדע פון עוועניו בי״, זיינען ניי אין דער יידישער דיכטונג. דוד איינהאָרן האָט געשריבן היס־טאָרישע באַלאַדן, ווי למשל, די באַלאַדע וועגן עלילת דם. יהואש האָט פאַרפאַסט אַ סענטימענטאַלע באַלאַדע וועגן אַ מוטער, וואָס שטייט אויף פון קבר און קומט צו איר פאַריתומט קינד. עס איז באַקאַנט ש. פרוגס „דעם שמשס טאָכטער״. אין דער „באַלאַדע פון צוויי״ טויכט אויף גאָר אַ נייער מאָטיוו, — באַליידיקטער שטאָלץ, דאָס פאַרשעמט ווערן, אייפער־זוכט, פאַררעטערישע ליבע — דאָס זיינען מאָמענטן פון מאַני לייבס ליריק, וואָס באַקומען איצט די געשטאַלטונג פון אַ באַלאַדע.

באַלאַדע פון צוויי

זיי האָבן פאַרלאָזן דעם רויש און דאָס הויז,
ווייל ער האָט געלאַכט צו דער פרוי מיט דער רויז,

פאַרשטעקט אין די האָר — און וואָס זי האָט זי פיינט,
און זיי האָבן ביידע פאַרלאָזן די פריינד.

און ווי נאָר זיי זיינען אַריבער די שוועל,
די גרוי פון איר אויג האָט פאַרגאָסן אַ געל —

אַ ראַסטיקער מעסער פון אונטער איר הוט,
וואָס האָט מיט זיין ראָסט אים פאַרשטאָכן ביז בלוט.

און איבער די טרעפּ האָט אַ שווייגן באַגלייט
צוויי פרעמדע, וואָס זיי האָט אַ שנאה צעשיידט.

און אונטן אין גאַס איז געלעגן פאַר זיי
אַ שנייאיקע נאַכט און אַ טעפּיך פון שניי

און וויסע לאַמטערנס. און זיי זיינען גיך
אַוועק מיטן שניי, און געלאָזט הינטער זיך

צוויי רייען פון טריט און צעשיידט אויף אַ שפּאַן:
די טריט פון אַ פרוי און די טריט פון אַ מאַן.

אין די שפּעטערדיקע יאָרן ווערט די באַלאַדע־פאָרעם ביי מאַני לייבן יידישלעכער. ער נעמט אויף פון פאָלקלאָר די מאָטיוון פון אליהו הנביא און די ל״ו. מאַני לייבס באַלאַדן ווייזן אויף אַ נייער ווענדונג און אַ נייער אַנטוויקלונג פון דער באַלאַדע־פאָרעם אין דער יידישער דיכטונג.

✶

גלייכצייטיק מיטן געפיל פון פאַרפרעמדונג קומט אין מאַני לייבס דיכטונג צו מאויסדרוק אַ געפיל פון פאַנטעיזם; ניט די שעה פון גרויסער איינזאַמקייט און אַליינקייט, נאָר די שעה פון נאָענטקייט און באַהעפטונג. דער דיכטער דערציילט וועגן דער איבערלעבונג אַזוי:

אַ גרויסער ווייטער הימל,
און שטערן פלעגן גיין.
און איך פלעג האָרכן, האָרכן,
ביז איך פלעג דערהערן
אַ פאַרלאָרענעם געוויין

אַן טרערן און אָן ווערטער,
דעם אייביקן געוויין
פון אַלץ, וואָס איז פאַרמשפט
צו זיין אין איינזאַמקייט
אויף אונדזער שוואַרצער ערד;
דעם אייביקן געוויין
פון מיין שטום בלוט,
וואָס פאַרנעמט אין איינזאַמקייט
יענע ווונדערלעכע שעה,
די שעה
פון אַלוועלטלעכער באַהעפטונג
און גרויסער איינזאַמקייט.

✶

מאַני לייב, ווי אַ דיכטער, רופט די פשטות זי זאָל קומען און באַשיינען זיין ליד, נאָר אין סאַמע תוך איז מאַני לייבס דיכטונג גאָר ניט קיין פשוטע. דאָס איז דערפאַר, ווייל דאָס מענטשלעכע לעבן איז סתירותדיק. דער דיכטער נעמט אויף די טאָפּלקייט פון מענטשן, ער טוט עס זייער ראַפינירט, איידל אָבער דורכויס עכט. מאַני לייב לעבט דורך די פאַרפרעמדונג אין דער גרויסער שטאָט, אפילו ווען ער איז אַנטציקט פון איר שיינקייט און מאַכט. דער דיכטער לעבט דורך די באַרוישטקייט פון ליבע, איר פרייד און ציטער, אָבער ער ווייס, אַז ליבע האָט אויך איר זיסן סם־המוות.

מאַני לייב נעמט אויף די גרויסקייט פון מענטשנס שטרעבן, זיין מרידה, אָבער ער קען ניט לייקענען די „קליינקייט", צו וועלכער דער מענטש ווערט געשטויסן און פאַרמשפט.

נאָך אַלע אַנטוישונגען איז פאַראַן איין מקור, וואָס קיינער קען פון מענטשן ניט פאַרצאַמען — די וועלט, די אייגענע וועלט פון מענטשן, זיינע בענקשאַפטן, נאַענטקייטן, די קליינע באַשערטקייטן און בעיקר — די אַנטפּלעקונגען, וואָס דער מענטש געפינט אין זיין שאַפונג, און דער דיכטער — אין וואָרט.

*

עס וואַלט געווען פאַלש צו באַטראַכטן מאַני לייבן צוליב זיין עסטע־טיזם, זיין „קונסט צוליב קונסט"־טעאָריע, ווי עפּעס אַן איסט־בראָדווייער „דענדי" אין ערשטן פערטל פון יאָרהונדערט. עס איז גענוג דורכצולייענען זיין ליד „אַ געוויין", כדי צו זען, ווי קרעפטיק זיין דיכטונג קען זיין, קרעפטיק, נאַקעט און רוי.

די פּאָעמע „אַ געוויין" רעדט ניט פון געוויין, וואָס זיין מקור איז סאָציאַלער אומרעכט, נאָר פון יענער תהומיקער בענקשאַפט אין מענטשן אליין, יענעם הונגער, פאַר וועלכן דער שטאַרקסטער איז ניט שטאַרק; יאָ, תהומיקער אומעט. „דאָס וויינען, שרייבט מאַני לייב, מענער נאָר אַזוי, פאַרשטיקט און שטום".

איך זע די שוואַרצע שטיינערנע געזיכטער,
די הוילע קעפּ,
די ברוסט ווי נאַקעטער אייזן,
די הענט מיט שוואַרצע אָדערן ווי שטריק,
מיט מוסקולן אָנגעשוואָלן צו דער זון,
מיט זינגענדיקן שטאָף,
ווי די מאַשינען, וואָס זיי טרייבן.

דאָס וויינט די לוסט, די ליידנשאַפט, וואָס האָט ניט קיין זעטיקונג. דאָס ליד איז געשריבן אין ריטעם פון אַ רעוואָלוציאָנערער פּאָעמע. איר דערוואָרט סאָציאַלן אויפרייס און דינאַמיט. איר מיינט, אַז דאָס איז אַ ליד, וואָס באַקלאָגט זיך אויפן גרויסן סאָציאַלן אומרו — און אייך קומט אַנטקעגן יענער אומרעכט און יענע ניט־געזעטיקטקייט, וואָס ליגט אין דער טבע און אין דער תאווה פון מענטשן, וואָס שטעקט אין סוד פון דעם באַשאַף.

יא) לידער — אויטאָפּאָרטרעטן

איינער פון די מאָטיוון פון מאַני לייבס שאַפן, במשך פון אַ סך יאָרן, איז זיין אַליין־דערקענונג; טייל לידער זיינער דורכויס אויטאָפּאָרטרעטן:

איך האָב מיין מאַמעס שוואַרצע האָר און גרינע אויגן,
מיין טאַטנס איידעלע און דינע הענט;
און בלוט האָב איך אַזאַ, וואָס זינגט און ברענט,
...און בענקשאַפט נאָך דער צאַרטער דינער לוסט...

שפּעטער קומט צום אויסדרוק אַ פּיל טיפערע דערקענטעניש פון זיין אייגענעם „איך". מאַני לייב זינגט צום טייל אין ערנסט אָבער אויך אין שפּאָס:

איך בין מאַני לייב, ווייט און ברייט אַ באַוווּסטער,
פון בראָנזוויל ביז יעהופּעץ — העט;
פון אַלע שוסטער — אַ גוטער שוסטער,
מיט אַלע פּאָעטן — אַ גוטער פּאָעט.

דאָס ליד איז געשריבן איראָניש, מיט אַ געוויסער בראַוואַדאַ און פאַרמאָגט פאַר מאַני לייבן אַ ניט געוויינטלעכע מאָס דראַמאַטישע שפּאַנונג. דער דיכטער דערציילט אין ליד, ווי די פּאָעטישע אינספּיראַציע איז צו אים געקומען:

אַ יינגל ביים ווערקשטול, ביי דער שווערער קאָפּילע,
און נעכט פון לבנות — אַ מאָל, אַ מאָל,
איז צו מיין האַרצן אַרונטער אַ ליד ווי אַ תּפילה
און פון דער האַנט איז געפאַלן די אָל.

דאָס איז גנעדיק די ערשטע מוזע געקומען
און געקושט די ליפּן ביים שוסטער־יונג,
און איך האָב יענעם זיסן שוידער פאַרנומען
וואָס גיט דאָס וואָרט צו דער שטומער צונג.

און מיין צונג איז געוואָרן צו אַ קוואַל אַ קלאָרן,
און מיין ליד האָט אויפגעהילכט ווי פון ניט הי;

און מיין ענגע וועלט איז מיר אָפן געוואָרן,
און זיס איז געוואָרן מיין ברויט און מי.

דער דיכטער באַקלאָגט זיך ניט אויף דער שווערער האָרעוואַניע; יעדע מי קען זיין זיס און קען באַגליקן דעם מענטשן, ווען זיין וועלט איז פאַר אים געוואָרן אָפן און ווען די צונג ווערט אויפגעבונדן פון איר שטומקייט. דיכטונג, הערן מיר, פאַרמאָגט אָבער הן זיסקייט, הן שווידער. דער שאַפנדיקער מענטש איז ווי אין אַ מצב, ווען ער געניסט פון גענאָד.

אָן ביטערניש דערציילט ווייטער דער דיכטער, אַז די זעלבע דערקענונג, וואָס האָט אים געבראַכט אינעווייניקסטע פרייד, האָט אים אויך געבראַכט טיפן צער:

די שוסטער־יונגען, די געטרייע געזעלן,
זיי האָבן געגאַפט, ווי איך זינג מיט גוסט,
זייער ביטער האַרץ איז מיין ליד געפעלן,
נאָר צו וואָס איך זינג — האָבן זיי ניט געוווּסט.

און גערייצט פון אומעט און מיזאַמען לעבן,
האָבן זיי מיט חוזק מיך אויסגעשפעט,
און אויף אייביק אַ צונאָמען מיר געגעבן:
גראָם־שטראָם לאַטוטניק, גראָם־שטראָם פּאָעט.

אַנדערש נעמען אויף די פּאָעטן דאָס פייגעלע, וואָס האָט זיך אָקערשט אויסגעפּיקט פון איי. זיי נעמען אים אויף מיט כבוד, ער ווערט גלייך איינער פון זיי.

עס איז צו באַוווּנדערן ווי מאַני לייב באַהערשט די קונסט פון נאָראַטיוון ליד, ווי גרינג ער קען איבערגעבן אין דער פּאָעטישער שורה דעם רייד־ריטעם פון דער פאָלקס־שפּראַך אין אירע נאַטירלעכע קאַדענצן:

איז זייט מיר געזונט, מיינע טייערע ברידער,
ביים ווערקשטול מיט אייך — גייט מיר ניט איין,

אין האַרצן די מוזע, אין בוזעם לידער —
איך גיי צו פּאַעטן אַ פּאַעט צו זיין.

און אַז איך בין צו די פּאַעטן געקומען —
אַ פויגל אַ קליינס און אַקערשט פון איי, —
האָבן זיי מיט גרויס כבוד מיך אויפגענומען,
און איך בין געוואָרן איינער פון זיי.

אַך, פּאַעטן, זינגער ווי די פרייע פייגל! —
באַגייסטערט און בלייך און מיט אונדזער ליד,
מיר האָבן געזונגען פון שיינקייטן נייע,
ווי די בעטלער הפקר אויף אַ יאַריד.

און מיר האָבן געזונגען און די וועלט פאַרקלונגען,
די הערצער באַצוווּנגען פון העק צו העק,
געריסן די לונגען און דעם הונגער געשלונגען —
און ניט איינער פון אונדז איז פון דער וועלט אַוועק.

היינט זעען מיר, ווי עס איז ניט געווען באַרעכטיקט די באַשולדיקונג לגבי „די יונגע", בעיקר מאַני לייבן, אַז עס פעלט זיי דער זין פאַרן טראַגישן און פאַרן אַקטועלן. די „יונגע" איז נאָר דערווידער דער קאַנאָן פון זייער תקופה — די כלומרשטדיקע „נוצלעכקייט". די מעשים פון מענטשן מוזן ווערן באַרעכטיקט, אַזוי האָט מען געהאַלטן, מיט אַ גע־וויסן פאַרהזאָס און צוליב וואָס. מיר מערקן דאָס אין צוויי באַטייטפולע שורות פון ליד:

זייער ביטער האַרץ איז מיין ליד געפעלן,
נאָר **צו וואָס איך זינג** האָבן זיי ניט געוווּסט.

דער „אני־מאמין" פון „צו וואָס" איז געוואָרן דער אָפּפרעגנדיקער „אני־מאמין" פון אַ סאָציאַל־אָריענטירטער תקופה, קעגן וועלכער מאַני לייב, זישאַ לאַנדוי, ראובן אייזלאַנד זיינען אַרויסגעטראָטן. דער עיקר איז

פאַר זייער פּאַטעטישן געמיט געווען „דאָס ליד ווי אַ תפילה", דער „זיסער שווידער", די „ענגע ווענט, וואָס איז אָפּן געוואָרן" און די „שיינקייטן נייע".

מאַני לייב לייקנט ניט דעם „עקאָנאָמישן מענטשן", וואָס די סאָציאַלע תקופה האָט אַרויסגעהויבן; ער אַליין איז „באָרוועס און אָרעם", ער עסט אויך זיין „ברויט אין שווייס", נאָר וואָס דען? ער ווייס די אַנדערע דימענסיע פון לעבן, וואָס פון אַלע מענטשן־קינדער זיינען זיי בעיקר צוגעטיילט געוואָרן דעם דיכטער.

מאַני לייב דערציילט אין ליד ווייטער:

אין גאָט, וואָס ער שפּייזט אפילו דעם וואָרעם,
איז זיין גנאָד צום פּאָעט געווען ניט גרויס.
בין איך מיר צוריק אַוועק באָרוועס און אָרעם
צום ווערקשטול עסן מיין ברויט אין שווייס.

און אַ דאַנק דיר, מוזע, פאַר דיין גרויסער מתנה,
כאָטש אין דיינע שפּייכלערס איז קיין ברויט ניטאָ.
און ביי דער קאַפּעלע נאָר מיט ריינער כוונה
זאָל איך דיר דינען ביז מיין לעצטער שעה.

און מיין נאָמען זאָל זיין ווייט און ברייט אַ באַוווסטער
אין בראָנזוויל — יעהופּעץ און ווייטער, העט —
און אַ דאַנק וואָס איך בין ניט קיין פּאָעט אַ שוסטער,
וואָס איך בין שוסטער אַ פּאָעט.

אינעם ליד „איך בין" באַהערשט שוין מאַני לייב דעם שאַרפן זאָג; דאָס איז געווען עפּעס, מיט וואָס עס זיינען געקומען אין דער יידישער דיכטונג מ. ראָזענפעלד, מ. ווינטשעווסקי און ד. עדעלשטאַט. די פּלעיאַדע סאָציאַלע דיכטער, בעיקר די, וואָס ווערן אַרומגערעדט אין נ. ב. מינקאָווס צווייטן באַנד ליטעראַטור־קריטישע עסייען, זיינען געווען עפּיגאָנען; זיי האָבן די מעלות פון זייערע גרויסע פאָרגייער ניט פאַרמאָגט, נאָר

זייערע פּאָעטישע חסרונות. מאַני לייב האָט אויפגעהויבן די יידישע דיכטונג און איר צוריקגעגעבן די פּשטות פון פאָלקסליד צוזאַמען מיט דער קאָמפּליצירטקייט פון מאָדערנע דיכטערישע פאָרמען און מיט דער קאָמפּליצירטקייט פון איבערלעבונגען, פון אַ מענטשן פון אונדזער אייגענער הייַנטיקער תקופה.

האָט ניט מאַני לייב געוווּסט דעם צער פון מי, פון פּראָצע, פון אַ שטומער טרער? אוודאי האָט ער געוווּסט. נאָר זיין מענטשלעכער אָפּרוף איז געווען אַן אַנדערער:

שטומע טרער, ביזן דעק ביסטו ביטער,
וועק די שיינקייט, וואָס דו האַלטסט פאַרהוילן!

✶

אַ צווייט מאָל האָט מאַני לייב געמיט זיך צו געבן אַן אויטאָ־פּאָרטרעט פון זיך אין דער פּאָעמע „אברהם ליעסין און איך". עס איז אַ נאַראַטיוו ליד, קלוג פאַרטראַכט, מיט פיינע לירישע אינטערוואַלן. מאַני לייב זינגט וועגן זיין עלטערן חבר ליעסין מיט גרויס פאַרערונג און ליבשאַפט, נאָר ער ווייס אויך זיין אייגענע חשיבות און זיין אייגענעם פּאָעטישן וועג.

אויף גאַסן ניו־יאָרקער מיט הענדלער און שטויב,
אויף יידישע גאַסן מיט יידישן דרויב,
שפּאַצירן מיט אייביקער זון איבער זיך
פּאָעטן צוויי יידישע — ליעסין און איך.

ער — מענערש און טראַציק — אַ לייב פונעם שטייג;
איך — יינגלש און בייגיק און גרין ווי אַ צווייג.
ער — ליטווישע חכמה זיין פּנים פאַרקאַרבט
מיט ליד און מיט תורה, פון אבות געאַרבט.
און איך — אויף מיין אַקסל איך טראָג, ווי מיין קלייד,
דאָס ליד פון אוקראַינער שוואַרצערדיקער פרייד.

עס קען זיך אויסדוכטן, אַז „אברהם ליעסין און איך" איז אַ דורכויס רעאַליסטיש ליד, מיט אמתע דורכויס רעאַליסטישע שילדערונגען. ס'איז גראָד ניט אַזוי, אפילו ווען מאַני לייב איז בכוח צו געבן אונדז דאָס געפיל פון אַ „רעאַלער" ווירקלעכקייט. די צוויי יידישע פּאָעטן, וואָס שפּאַצירן אויף די ניו־יאָרקער גאַסן „מיט אייביקער זון איבער זיך", זיינען אמתע פּאָעטן, אָבער די „אייביקע זון" איז אַ סימבאָלישע; פּונקט אַזוי זיינען די „יידישע גאַסן מיט יידישן דרויב". ווי קומט אויף אַ גאַס מיט העגדלער און שטויב אַן „אייביקע זון"? די גאַסן זיינען אין דער ווירקלעכקייט חרובע, אומעטיקע, טונקעלע, גאַסן פון יידישער אָרעמקייט; ניט ווייניק יידישע דיכטער האָבן די גאַסן באַזונגען; דאָס איז נאָר מאַני לייבס פּאָעטישע מאַניר ווי אַ סימבאָליסט־אימפּרעסיאָניסט, וואָס זעט וואַכן איבער זיי ביידן, די „אייביקע זון". מאַני לייב באַשאַפט אַן אייגענע אַטמאָספער אין דער פּאָעמע. די אימאַזשן זיינען שאַרפע, בולטע.

וועגן ליעסינען און זיך זינגט דער דיכטער:

> ער — מענערש און טראַציק — אַ לייב פונעם שטייג;
> איך — יינגלש און בייגיק און גרין ווי אַ צווייג.

די כאַראַקטער־שילדערונג איז געבויט ניט דווקא און ניט אַזוי אויף דרויסנדיקע רעאַלע סימנים, נאָר אויף דעם פּאָעטישן וועג, וואָס יעדער האָט פאַר זיך אויסגעקליבן. „מענערש, טראַציק" איז אברהם ליעסין אין זיין דיכטונג, אין ווארט; „בייגיק און גרין ווי אַ צווייג" איז מאַני לייב אין זיין איידעלער ליריק.

ליעסין פיבערט מיט זעונגען פון יידישער קדושה, דערציילט מאַני לייב, ער זעט יידישע העלדן־געשטאַלטן, ער איז אַ יורש פון דורות יידישער הכמה און קדושה. אָבער וואָס איז מאַני לייב? צי מאָלט ער זיין אמתן אויטאָפּאָרטרעט? זעט ער זיך אויפן זעלבן אופן, ווי ער האָט זיך געזען אין די ערשטע יאָרן פון זיין דיכטערישן שאַפן, אָדער שפּעטער אין די „סאָנעטן", וועלכע ער האָט געשריבן די לעצטע דריי יאָר פון זיין לעבן?

מיין עלטערער ברודער — ער גייט ביי מיין זייט
און פיבערט אַ זעונג דורך ווייט און דורך צייט:
ער פיבערט מיט ליד, און אין ליד קומט צו גיין
דער העלד און דער קדוש געשטאַלטיקט אין שטיין.

און דאָ אויף די גאַסן מיט הענדלער און שטויב,
אויף יידישע גאַסן מיט יידישן דרויב,
קדושים און העלדן — געשטאַלט נאָך געשטאַלט,
זיי וואַקסן אַרויס פונעם האַרטן אַספאַלט.

זיין ייִנגערער ברודער — איך גיי ביי זיין זייט,
און פלאַפּל אָן תכלית און פלאַפּל פאַרשייט
פון שיינקייט, וואָס איך האָב אין חלום דערזען,
וואָס איז אין דער וואָר נאָך ביי אונדז ניט געווען.

מאַני לייב זוכט זיך צו שילדערן אין די שורות:

„און פלאַפּל אָן תכלית און פלאַפּל פאַרשייט
פון שיינקייט, וואָס איך האָב אין חלום דערזען,
וואָס איז אין דער וואָר נאָך ביי אונדז ניט געווען".

ס'איז מערקווירדיק ווי דאָס רוב פּאָעטיש־שיינע איינפאַלן אין דער פּאָעמע גיט מאַני לייב אָפּ זיין עלטערן ברודער. למשל, די באמת שיינע פּאָעטישע שורה „און פיבערט אַ זעונג דורך ווייט און דורך צייט". מאַני לייב שפּאַרט אָפּ ווייניק פאַר זיך. לגבי זיך נוצט ער אַזעלכע, דוכט זיך, דערונטערדיקע ווערטער ווי „פּלאַפּל", „פאַרשייט". און וואָס מיינט „חלום"? דער מאַניר איז באמת אַן אויסדרוק פון מאַני לייבס ערלעכער עניוות, אָבער זיין „איך־שילדערונג" דעקט ניט די פולקייט און די פּילאַרטיקייט פון מאָטיוון, וואָס מיר טרעפן אין מאַני לייבס פּאָעטישן שאַפן. פון שטאַנדפּונקט פון פּאָעטישער ווירקונג, פון צמצום, — איז גוט אָט די אַנטקעגנשטעלונג פון די צוויי הויפּטשטריכן אין ביידנס פּאָעטישן שאַפן. אָבער דאָך דאַרף זי אונדז ניט פאַרפירן, ווען מיר אַנאַליזירן

קריטיש די פולע ברייט און טיף פון די פּאָעטישע מאָטיוון אין מאַני לייבס לעבנס־שאַפן.

„אברהם ליעסין און איך" איז איינע פון די גאַר גערעאָטענע פּאָעמעס פון דיכטער. פשטות, איידעלע עניוות און ליבשאַפט צו אַ ברודער־פּאָעט רעדט אַרויס פון מאַני לייבס ליד. אין זיינע נאַראַטיווע לידער קען זיך מאַני לייב ניט תמיד באַנוצן מיט די זעלבע פּאָעטישע המצאות ווי אין זיינע קירצערע לירישע שאַפונגען, בעיקר פון דער ערשטער תקופה. דער דיכטער מוז אויסמיידן די שפּילעוודיקע איבערחזרונג פון ווערטער, וואָס ער און זישאָ לאַנדוי האָבן אַריינגעבראַכט אין דער יידישער דיכטונג. זעט נאָר אָבער, ווי מאַני לייב שפּילט זיך מיטן וואָרט „יידיש" אין ערשטן און לעצטן פערז: „יידישע גאַסן", „יידישן דרויב", „פּאָעטן צוויי יידישע".

מאַני לייב ענדיקט זיין ליד אויף דעם זעלבן בראַוואַדאַ־אופן:

און דאָ אויף די גאַסן מיט הענדלער און שטויב,
אויף יידישע גאַסן מיט יידישן דרויב,
די שיינקייט אין פאַרבן אין זיבעצן שטראַלט
און זינגט פונעם טויבן און האַרטן אַספאַלט.

אויף גאַסן ניו־יאָרקער מיט הענדלער און שטויב,
אויף יידישע גאַסן מיט יידישן דרויב,
שפּאַצירן מיט אייביקער זון איבער זיך
פּאָעטן צוויי יידישע — ליעסין און איך...

✶

צוזאַמען מיט לידער און פּאָעמעס, וואָס צייכענען זיין אייגענע געשטאַלט, געפינט מען ביי מאַני לייבן אויך לידער־זכרונות, שאַפונגען, אין וועלכע עס קומט צום אויסדרוק זיין משפחה־געבונדנקייט, זיין געפיל פאַר דורות און דורותדיקייט. אַזאַ ליד איז, אַ שטייגער, „דיין ליכט", אַ קורצע פּאָעמע וועגן דיכטערס מוטער (באַנד איינס, ז' 14). מאַני לייב

געדענקט אירע „ליידנדיקע אויגן", ער דערמאָנט זיך „די דאָרע הענט פאַרבויגן פאַר אירע ליכט" ביים ליכט־בענטשן. דער דיכטער דערמאָנט זיך אָבער אַ סך אַ טיפערע השפּעה. דאָס ליד ענדיקט זיך מיט אַ לעצטער שורה, וואָס רעדט וועגן „דערזען דיין ליכט". „ליכט" באַטייט דאָ דער־קענטעניש, זין פון לעבן, שיינקייט פון לעבן, אפשר גאָר די דערקענטע־ניש פון זיין מוטערס אינערלעכן מהות ווי אַ מאַמע און אַ מענטש.

דאָס איז דער אָנהייב פון אַ פּאָעטישן שטייגער ביי מאַני לייבן, אומ־געריכט אַריבערצוטראָגן זיך פון רעאַלן צום סימבאָלישן און נוצן ס׳וואָרט מיט אַ נייעם קנייטש און באַטייט.

דאָס ליד „דיין ליכט" געהערט נאָך מסתמא צו דער ערשטער תקופה אין מאַני לייבס שאַפן, ווען ער איז נאָך ניט דורכגעגאַנגען דעם אינעוויי־ניקסטן נשמה־קריזיס, ווען ער האָט געפילט, אַז ס׳פעלט אים לשון, ווען ער האָט זיך געראַנגלט. אין יענער צייט האָט מאַני לייב געזוכט זיין באַלערנונג בעיקר ביי די מאָדערנע פּאָעטן פון די „זאַטע פעלקער". אַזוי האָט ער זיי גערופן. זאַט, ווייזט אויס, ניט נאָר אין מאַטעריעלן זינען, נאָר בעיקר אין פּאָעטישער עשירות און אימאַזשן. עס זיינען פאַראַן אין דער ערשטער העלפט פון ליד, קען מען זען, האַפּערדיקע און רעבע־לישע שורות, וואָס מען טרעפט זיי מער קיין מאָל ניט אינעם דיכטערס שאַפן.

ניט אין דעם גרויען שטויב פון דיינע קלוגע ספרים,
און ניט אין דיינע הייליקע און שיינע קברים,
נאָר אין דיין גרויסן גורלס האַרטן אָנגעזיכט
האָב איך דערזען דיין ליכט.

מען קען זיך פרעגן מיט רעכט: וועמענס גורל? אפשר דעם גורל פון טאַטע־מאַמע, פון פאָלק, דעם גורל פון ייד? נאָר „קלוגע ספרים" און „הייליקע און שיינע קברים" זיינען פאַר מאַני לייבן אין יענער איבער־גאַנג־צייט כמעט נעגאַטיווע קאַטעגאָריעס.

ער רעדט וועגן „גרויען שטויב פון דיינע קלוגע ספרים". שטויב איז פאַר מאַני לייבן אַלע מאָל אַ פאַרניינענדיקער אימאַזש. ערשט אין די שפּעטערדיקע יאָרן, ווען מאַני לייב ווערט איינער פון די באַשאַפער פון

דער עכט־יידישער באַלאַדע־פּאָרעם, ווען ער ווערט אין גאַנצן דורכגע־נומען פון זיין יידישן מהות־מענטש, דערפילט ער דעם יידישן „געוויין און שטומען טרויער". פון זיין טאַטנס זאָגן תהילים גייט פאַר אים אויף די דורותדיקע יידן־בענקשאַפט. און ער שרייבט דאָס באַקאַנטע ליד זיינס „מיין טאַטע". צו זיין טאַטן האָט מאַני לייב אַלע מאָל געטראָגן פולע ליבשאַפט. מען פילט ניט ביי מאַני לייבן קיין מרידה קעגן פאָטער, ווי למשל, ביי ה. לייוויקן אין דער ערשטער תקופה פון זיין שאַפן. עס איז ניטאָ אין מאַני לייבס לעבן און אין זיין דיכטונג די מאָגענדיקע און שטראָפנדיקע פאָטער־געשטאַלט.

מאַני לייב פלעגט ליב האָבן צו דערציילן וועגן זיין משפחה. „איך בין אַ ניעזשינער, מיין טאַטע אַן אוקראַיִנער, מיין מאַמע אַ ליטווישע. איך קום פון אַן אָרעמאַנסקער משפחה. איך קום פון אָרעמען פאָלק און פיל צום שטאַרקסטן דעם בטחון פון די פשוטע און פאַרגעסענע מענטשן".

יואל ענטין, וואָס האָט מיט זיין מוטיק וואָרט זיך איינגעשטעלט פאַר די „יונגע", גיט איבער ביאָגראַפישע פרטים וועגן דעם דיכטערס יוגנט. („יידישער קעמפּער", ראש השנה־נומער, 1955):

„די משפחה איז געווען אַ גרויסע, זעקס זין און צוויי טעכטער. די מאַמע חיה־שרה איז געווען די ברויטגעבערין, ווייל דער טאַטע איז געווען אַ קנאָפּער פאַרדינער, די מאַמע איז אויך געווען אַ ווערטל־זאָגערין, אַ גראַם־פלעכטערין און אַ זינגערין. זי האָט געהאַנדלט אויפן מאַרק מיט גרינס, הינער און אייער און „אויסגעאַרבעט" קאַרטאָפל מיט ברויט פאַר אירע קינדער".

וועגן טאַטן הערש־איצע דערציילט מאַני לייב, אַז ער איז געווען אַ שעמעוודיקער, ער האָט ניט געקאָנט בעטן קיין טובות ביי מענטשן, ניט געקאָנט פאַרטראָגן קיין עוולות, קיין חניפה און גענאַרן אין האַנדל.

עס איז מערקווערדיק, אַז אין דער משפחה איז געווען אַ געוויסע טראַדיציע פון שרייבן. מאַני לייבס פאָטער איז געווען אַ בריוושרייבער פאַר אָרעמע כלות, עגונות און פרויען, וואָס זייערע מענער זיינען אַוועק־געפאָרן קיין אַמעריקע.

עס איז געווען פריילעך אין הויז. אין אַ שבת צו נאַכט פלעגט זיך אָנקלייבן אַ פולע שטוב מיט מענטשן, באַלמעלאַכעס, וואַנדראָווטשיקעס,

הענדלער, אפילו פּשוטע בעטלער, און מען פלעגט זינגען, דערציילן מעשיות און זאָגן ווערטלעך.

דער טאַטע האָט ווייניק פאַרדינט; אויסער אַ בריוושרייבער איז ער אויך געווען אַ הענדלער מיט לעדער און פעל. ווען ניט די מאַמע, וואָלט ניט געווען אויף היונה. די מאַמע פלעגט איינקויפן אויפן מאַרק הינער, גענדז, אייער און פאַרקויפן צו די באַלעבאָסטעס.

שבת צו נאַכט פלעגן די געסט אויסטרינקען אפשר זעקס סאַמאָ־וואַרן טיי.

צו עלף יאָר האָט דער פאָטער אים אָוועקגעגעבן צו אַ באַלמעלאָכע צו לערנען קאַמאַשן־שטעפּעריי.

דאָ דערוויסן מיר זיך אַ ביז גאָר אינטערעסאַנטן עפּיזאָד:

„ער (מאַני לייב) איז געווען אַ פאַרדינער ביי די שיך, נאָך צוויי יאָר אַ לערן־יונג האָט ער אָנגעהויבן פאַרדינען אַנדערהאַלבן רובל אַ וואָך. ער דערמאָנט זיך די סצענע ביי זיך אין דער היים, ווען ער האָט געבראַכט צום ערשטן מאָל די פאַרדינטע אַנדערהאַלבן רובל. ביי זיי אין שטוב איז געווען נאָר איין גאָפּל, וואָס מיט אים האָט געגעסן דער טאַטע. די קינדער האָבן געגעסן מיט אים פון איין שיסל, אָבער מיט די הענט. דאָס מאָל האָט דער טאַטע געזעצט מאַני לייבן דעם גרויסן פאַרדינער נאָענט צו זיך און אָוועקגעגעבן זיין גאָפּל, ער זאָל מיט אים עסן.

— טאַטע, איך... מיטן גאָפּל ?

— עס, עס, מיין קינד, מיטן גאָפּל.

מאַני לייב „דער גרויסער פאַרדינער" האָט זיך געשעמט פאַר דעם גרויסן כבוד, וואָס זיין טאַטע האָט אים צוגעטיילט".

(איבערגעגעבן פון יעקב פּאַט).

די איבערלעבונגען פון זיין קינדהייט געפינען ביי מאַני לייבן אַ פּאָעטישע איבערגעשטאַלטיקונג אין אַ צאָל לידער. דאָס רירנדיקסטע פון זיי איז די פּאָעמע „מיין טאַטע".

דער טאַטע ווערט אין ליד מער ווי „דער העכסטער אָרעמאַן אין שטעטל", ווי מאַני לייב האָט אים אַ מאָל אין אַ שמועס אָנגערופן; די פאָטער־געשטאַלט קומט אַרויס מער פאַרטיפט און פון גרעסערן באַטייט ווי אַפילו אין דער דערמאָנונג א"ב „אַ מעשה וועגן זיך" („לידער און באַ־

לאָדן", באַנד 2). דאָס ליד פאַרמאָגט אַ געפיל פון דערהייבונג און ירושה־געבונדנקייט. אין דעם ליד, ווי אין אַנדערע פּאָעמעס, באַקומען ווערטער צו מאָל אַן אַנדערן טייטש. ווען מאַני לייב זאָגט וועגן פאָטער:

„און זיין טרויער איז אַ בלינדער
אויפגעגאַנגען אין מיין לעבן"

מיינט „בלינדער" אין דער אמתן „ליכטיקער", „דערהויבענער", פאַרבאָרגענער", „אייביקער".

אין דעם ליד „מיין טאַטע" זעען מיר דעם אונטערשייד פון דיכטונג און ווירקלעכקייט; מיר זעען, וואָס דיכטונג נעמט פון לעבן און וואָס דיכטונג פאַרטיפט, שאַפט איבער, צוגעבנדיק אַ נייע דימענסיע צו דער לעבנס־ווירקלעכקייט.

מאַני לייב דערציילט אין דער פּאָעמע:

שבת־אומעט נאָך הבדלה
ביי דעם סאַמאָוואַר דעם קאַלטן,
אין זיין האַנט זיין באָרד אַ שמאָלע,
אין דער באָרד זיין זאָרג באַהאַלטן,

שטייט ער אויף דעם יאָך צו טראָגן:
ווישט די שויב און מעסט די שטערן,
שפּאַנט אין הויף דאָס פערד און וואָגן,
אויף יאַרידן נעלם ווערן;

אַז אין שטיבל פלעגט אונדז בלייבן
וואָך און קינדער, נויט און וויגן.
נאָר די מאַמע פלעגט פאַרטרייבן
צער און צרות מיט אַ ניגון.

זונען אויף די פענצטער הענגען.
פרייטיק קומט ער פון יאַרידן

און צו אונדז אין שטיבל ברענגען
פרייד און ריחות, ברויט און פרידן;

ווייב און קינדער — זיין עשירות,
אייגן ביסל בלוט אין איינעם, —
שבת־ליכט און אונדזערע זמירות
ברענגט צום פענצטער אַלע שכנים.

נאָר אין שנייאיקע פאַרטאָגן ·
האָב איך מיט אַ קינדערש אויער
אָפט געהערט זיין תהילים־זאָגן,
זיין געוויין און שטומען טרויער.

טרויער פון אַן עלטער־זיידן?
טרויער פון אוקראַינער פליינען? —
ניט אין וואָרט אַרויסצוריידן,
ניט אין תהילים אויסצוויינען,

נאָר אין בלינדן בלוט פון קינדער
און אויף אייביק איבערגעבן.
און זיין טרויער איז אַ בלינדער
אויפגעגאַנגען אין מיין לעבן.

יב) די נאַראַטיווע לידער און די קינדערלידער

מאַני לייב האָט אָנגעהויבן פון שרייבן קורצע לירישע פּאָעמעס. זייער קינסטלערישקייט באַשטייט בעיקר אין ניואַנסירטע איידעלע שטימונגען, אין דער אָפּנקייט און דרייסטקייט צו דערציילן וועגן זיך. עס איז לירישע דיכטונג, „איך־דיכטונג" פון אַ הויכער מדרגה. פון דער ערשטער תקופה אין זיין פּאָעטישן שאַפן איז שווער זיך פאַרצושטעלן, אַז מאַני לייב וועט מיט דער צייט באַהערשן, מיט אַזוי פיל פּרייקייט, דעם נאַראַטיוון סטיל.

עס וויזט אויס, אַז עס איז פאַרגעקומען במשך פון יאָרן אַן איבער־בראַך אין מאַני לייבס קוק אויף זיין דיכטערישער שליחות. ניט נאָר ווערט דער דיכטער אַ גוטער באַלאַדן־שרייבער אין דער יידישער ליטע־ראַטור, נאָר ער העלפט מיט אַנדערע דיכטער באַשאַפן אַ נייעם יידישן נוסח פון דער באַלאַדע.

דער קריטיקער ב. ריווקין איז געווען אומגערעכט ווען ער האָט אין 1931 געשריבן: „און אַט האָט איר דעם שליסל צו מאַני לייבס לירישע לידער; נעמט אַ פאָלקסליד, נעמט אַ פאָלקס־מעשה, לייגט זי צונויף עס זאָל ווערן אַ באַלאַדע און שטעלט אַוועק אַ בלינדן בעטלער מיט אַ פידל, פייפל דערביי — און אַלץ וועט זיך אויפקלערן". דער אמת איז ניט אַזוי; מאַני לייבס באַלאַדע איז אַ סך פאַרוויקלטער. עס איז אין איר ניטאָ קיין שום קינסטלעכע אינסצענירונג, קיין געשעעניש, וואָס זאָלן זיין קינסטלעך אויסגעשטעלט צוליב עפעקטן. אַלץ אין מאַני לייבס באַלאַדן באַוועגט זיך נאַטירלעך און פריי. די דערציייל־פאָרעם איז דורכויס יידישלעך און פאָלקסטימלעך עכט.

מאַני לייב ווערט מיט דער צייט דער דיכטער פון דער פיינסטער נאַראַטיווער פּאָעזיע. מען מוז באַוווּנדערן די דיכטערישע אינספּיראַציע און שטוינען פון דער פיינער פּאָעטישער דערציילערישקייט אין אַזאַ לאַנגער פּאָעמע ווי „דער נאַר", די פּאָעמע פאַרמאָגט פינף הונדערט אײדעלע און קלונג־געגראַמטע שורות.

גערעכט איז געווען דער קריטיקער יואל ענטין ווען ער האָט אָנגעוויזן, אַז דער אמתער תיקון פון די באַלאַדן איז געקומען נאָך 1914; „זיי זיינען ניט געווען מער אָנגעוויזן פון דער פרעמד". ביז דעמאָלט, מיינט ענטין „האָט זיי געפעלט יידישע ערד", יידישע מענטשן, יידישע אַטמאָספער און גייסט. יואל ענטינס מיינונג איז אויך ניט אָן גוזמא. די באַלאַדע „עוועניו בי" איז ניט אָנגעוויזן פון דער פרעמד. „עוועניו בי" — דאָס איז ניו־יאָרק, מיט איר באַזונדערער אייגנאַרטיקייט, מיט דער אַנאָנימקייט פונעם מענטשן אין איר. די זעלבע סביבה קומט צום אויסדרוק און ווערט געשילדערט אין דוד איגנאַטאָווס ראָמאַן „קעסלגרוב" און אין זיין דער־ציילונג „פיבי", אויך אין די ראָמאַנען ביי דעם יונגן י. אָפּאַטאָשו.

„עוועניו בי" איז אַ שטייגער־באַלאַדע. מען קען אין דער יידישער ליטעראַטור אויפציילן אַ צאָל אַזעלכע באַלאַדן; די באַלאַדע איז ניט

ענלעך צו די אַנדערע פֿאָרמען פֿון דער באַלאַדע, אָבער זי האָט דאָך אַ באַדייטנדיקן פּאָעטישן ווערט, בעיקר ווי אַן עקספּערימענט.

די גרעסטע דערגרייכונג באַווייזט מאַני לייב אין זיינע אליהו הנביא־באַלאַדן. זיי ווערן געניי אַנאַליזירט אין דער באַזונדערער אַרבעט, וואָס ווערט געדרוקט אין בוך א״ב „די יידישע באַלאַדע־פֿאָרעם״.

מיר קומען איצט צו דער טעמע: מאַני לייבס קינדערלידער.

דער דיכטער ה. רויזנבלאַט האָט זייער שטאַרק באַוווּנדערט מאַני לייבס קינדער־דיכטונג.

„מאַני לייבס איינגעבוירענע זינגעוודיקייט, זיין מעלאָדישער אויער״, האָט געשריבן ה. רויזנבלאַט, „האָט אים געמוזט דערפֿירן צום קינד, — צום יידישן קינדערליד. ניטאָ ביי אונדז נאָך אַ פּאָעט, וואָס זאָל האָבן אַזאַ פֿאַרשטענדעניש פֿאַרן יידישן קינד. דאָס קינד, ווי דער פּרימיטיווער מענטש — אפֿילו דער אורמענטש — ווערט געבוירן מיטן צוק פֿון ריטעם... דאָס קינדערליד באַגייט זיך אָן דעם בילדלעכן וואָרט, כמעט. דער עיקרביים קינד איז קלאַנג — געזאַנג.

„...דער פּאָעט דאַרף פֿאַרמאָגן אין זיך די נאַיִווע אוממיטלבאַרקייט פֿון קינד און גלייכצייטיק די קלוגע סענסיטיווקייט... מאַני לייב האָט פֿאַרשטאַנען דאָס קינד און דאָס קינד האָט דעריבער פֿאַרשטאַנען זיין באַליבטן פּאָעט — מאַני לייב״. („פֿרייע אַרבעטער־שטימע״, 15טער יאַנואַר, 1945).

די סאַמע באַליבטסטע פּאָעמעס פֿון מאַני לייבן זיינען ביי די קינדער געווען „דער פֿרעמדער״, „די נויט״ און „בלימעלעך, קרענצעלעך״. די פּאָעמעס זיינען ביי די קינדער פּאָפּולער געוואָרן בעיקר דורך די שול־ביכער. די קינדערלידער זיינען אויך דערשינען אין באַזונדערע אויסגאַבעס, מיט פֿיינע אילוסטראַציעס. די פֿולסטע זאַמלונג איז אַרויס אונטערן נאָמען „וווּנדער איבער וווּנדער״. (איצט איבערגעדרוקט אין צווייטן טייל „לידער און באַלאַדן״).

„איך האָב געוואָלט פֿאַרבינדן דאָס האַרץ פֿון פֿאָלק מיט דער שיינקייט פֿון דער וועלט״, האָט זיך מאַני לייב אַ מאָל אויסגעדריקט. דער דיכטער האָט זיין שליחות דערגרייכט, נאָר שיינקייט האָט באַטייט ביי מאַני לייבן מער ווי שיינקייט — אויך גוטסקייט, אמת און נסיון.

אין הייזער אָרעמע איז דאָ אַזוי פיל שיינקייט:
די הונגעריקע ליפּן איידלט דער בטחון.
די האַנט, וואָס איז געשלאָגן אין איר קוואַלער קליינקייט,
האַלט אַלע טירן אָפן פאַר דעם אָרעמען שכן.

און ביי דעם קאַלטן פייער פון די דאַרע קוילן,
אַרום די טישן, קעפּ געלענט אויף עלנבויגן,
די אויערן געשפּיצטע, און אַלטע בערד דערציילן
די רייד פון צער און חכמה און פון ניסים ניט געשטויגן.

און איבער אַלע קעפּ — דער שטילער, דער באַפרייער,
ער נידערט פון די רייד און זיצט מיט זיי אין מיטן.
די דאַרע קוילן פלאַקערן מיט נייעם פייער
און רויטלען אַלע קעפּ און בערד פון פייער אויסגעשניטן.

דוד איינהאָרן האָט אין פאַרבינדונג מיטן ליד אַזוי באַמערקט: „קיינער האָט ניט געזען (ווי מאַני לייב) די שיינקייט פון אונדזער גרויסער וועלט־דראַמע, וואָס האָט זיך אָפּגעשפּילט אין די אָרעמע הייזער — דאָס וואַרטן אויף משיחן״.

ווי איז מאַני לייב געוואָרן פון אַ ליריקער אַ באַלאַדן־שרייבער? ווי עס ווייזט אויס האָט מאַני לייב עטלעכע מאָל אין זיין לעבן דורכגעלעבט קריזיסן פון אידענטיטעט.

עס קומען פאַר איבערקערענישן אין לעבן פון מענטשן און מיר ווייסן ניט בעת מעשה וווהין זיי פירן אונדז און וואָס זיי באַטייטן פאַר אונדז. ס'איז ניט קיין איינציקע געשעעניש, וואָס באַווירקט אונדז; ווער ווייס וויפל איבערלעבונגען, ספקות, אַנטשיידונגען עס זיינען פאַרוויקלט. ערשט שפּעטער דערזעען מיר פּלוצלונג אונדזער אַנדערשקייט, דערפילן מיר דעם „נייעם מענטשן״ אין זיך, מיר חידושן זיך, און מיר דערמאָנען זיך איין געשעעניש און מאַכן זי פאַרן טשוואָק, אָן וועלכן מיר העגגען אָן ווער ווייס וויפל איבערלעבונגען און געשעענישן אין אונדזער דערפאַרונג. אַזאַ איינציקע חידושדיקע איבערלעבונג האָט מאַני לייב פאַרגעדענקט און

געמאַכט פאַרן סימבאָל פון אַ סך ענדערונגען, וואָס זיינען אין אים פאַרגעקומען.

יעקב פאַט דערציילט: („דער וועקער" 1טער נאָוו. 1953). „זיין (מאַני לייבס) שפּראַך איז גלייך פון אָנהייב געווען קלינגענדיק, זינגענ־דיק, אָבער — אַזוי האָט ער געפילט — צו אָרעם. „עס האָט מיך געמאַ־טערט מיין אייגענע שטאַמלעניש..." עס האָט אים געפּייניקט, עס האָבן אין אים געברויזט פאַנטאַזיעס, ניגונים, מעשיות. ער האָט אָבער ניט געהאַט קיין שפּראַך אַרויסצוברענגען זיי אַזוי ווי ער האָט געפילט. ביז מיט אים איז געשען אַ נס. אַזוי האָט ער געגלויבט. וועגן אָט דעם נס האָט ער מיר דערציילט אַזוי:

„גיי איך, איין מאָל, אַ זונטיק, איבער אַ שיינער גאַס אין ברוקלין,ביימער, בלומען. ס'איז געווען אָסיען־צייט, ראש השנה. גיי איך פאַרביי אַ שול, שטעל זיך אָפּ — אַ חזן דאַוונט. איך קאָן זיך ניט אָפּרייסן פון דעם חזנס תפילה. עפּעס דערפיל איך פּלוצלונג, אַז עס עפנט זיך אין מיר אַ קוואַל פון בילדער און פון לשון".

פון דעמאָלט אָן האָט ער אָנגעהויבן צו שרייבן גאָר אַנדערש, גאָר נייע לידער. „עס האָט זיך געעפנט פאַר מיר אַ קוואַל פון שפּראַך־ניואַנסן".

דערציילנדיק עס מיר, האָט מאַני לייב מורא געהאַט טאָמער גלייב איך ניט אין ניסים. „איך בין ניט קיין מיסטיקער, נאַר, הערט נאַר, הערט, עס איז אַ פאַקט, וואָס קלינגט ווי אַ נס". אַזוי האָט ער געפילט זיין גאַנץ לעבן. ער איז געווען זיכער, אַז מיט אים איז געשען אַ „נס".

יג) וואָס איז געוואָרן פון די פּאָעטן־סימבאָליסטן?

די אינדיווידואַליסטישע, סימבאָליסטיש־אימפּרעסיאָניסטישע ריכטונג אין דער יידישער פּאָעזיע איז געקומען אויף אַ קורצער צייט און האָט איבערגעלאָזט אַ סך שיינקייט און אַ נייעם פּאָעטישן קאַנאָן אין יידיש. עס איז אַזוי געשען, אַז אַ קורצע תקופה אין געזעלשאַפטלעכן לעבן פון אונדזער פאָלק, אַ תקופה פון אַנטוישונג, פון אָפּגאַנג, האָט אָביעקטיוו מעגלעך געמאַכט זייער אויפקום אין דער ליטעראַטור; עס האָט אויך מעגלעך געמאַכט זייער סוביעקטיווע באַדערפעניש צו זיין אַזוי ווי זיי זענען געווען און ניט אַנדערש.

די דיכטער פון דער ליטעראַרישער גרופּע „די יונגע" שטייען מי יודע העכער פאַר זייערע פאַרגייער, אָבער זייער וועלט איז אָפּט מאָל, בעיקר אין אָנהייב, די וועלט פון מיניאַטור. באַלד איז באַשערט געווען, אַז גרויסע פּאָליטישע און סאָציאַלע געשעענישן אין מזרח און מערב־אייראָפּע זאָלן צוריק אויפטרייסלען די יסודות פון אונדזער לעבן. צוויי וועלט־מלחמות אין איין פערטל יאָרהונדערט, פאַשיזם, דער אויפקום פון טאָטאַ־ליטאַרע מלוכות און במילא אויך פון אַ באַצווינגענדיקער טאָטאַליטאַרער פילאָסאָפיע, — די אַלע מאָנומענטאַלע געשעענישן האָבן אויפגעטרייסלט ביזן גרונט דאָס נשמה־לעבן פון היינטיקן מענטשן, און נאָך מער — די נשמה פונעם יידן.

די איידעלע פּאָעטישע כלי פון סימבאָליזם־אימפּרעסיאָניזם איז געווען צו שוואַך און צאַרט אויפצונעמען דעם גרויזאַמען שווידער פון דער צייט. אָבער צום וווּנדער פון אַלע וווּנדער איז דער פאַקט, וואָס דער מענטש און דיכטער קען זיין שטאַרקער, קרעפטיקער, ווי דער דיכטער אַליין. מאַני לייב האָט ניט פאַרפרוירן אין זיך זיינע מענטשלעכע מעגלעכקייטן צו וואַקסן, צו שטייגן צו מדרגות, וואָס ער האָט פאַר זיך פריער גאַרניט אָנגעצייכנט. ווען דער מענטש קען שטייגן, שטייגט אויך זיין דיכטערישע וויזיע. מאַני לייב האָט אַנטדעקט אין זיך אַליין מער כמות און איכות, מער פאָרעם־געשטאַלטיקונג, ווי ער האָט זיך געריכט. צו זיין איידעלן, ציטערדיקן לירישן טאָן איז צוגעקומען אויך די מעגלעכקייט פון עפּישער דערציילערישקייט און מענטשן־שילדערונג.

אין איין צייט נעמט זיך מאַני לייב באַנוצן מיט דער „דראַמאַטיס־פּערסאָנאַ", וואָס די ראָמאַנטיקער האָבן אַזוי ליב געהאַט צו באַנוצן זיך מיט איר. זיינע ליריש־דראַמאַטישע מאַסקעס זיינען פריער געווען דער פּייפער — דער נאַר, שפּעטער אליהו הנביא און די ל"ו, צום סוף ער אַליין. מאַני לייב נוצט זיך אַליין ווי אַ דראַמאַטיס־פּערסאָנאַ. זיך, ניט אין דער אַנטפּלעקונג פון דער איינציקער רגע פון וווּנדער און שיינקייט, נאָר זיין „קאָלעקטיוון" און „היסטאָרישן איך", אויף וויפל יעדער מענטש פאַרמאָגט זיין היסטאָריע און איז אַליין אַ סומע פון אַלערליי איך־גע־שטאַלטיקונגען, וואָס ער, בשותפות מיט דער צייט, אָדער אין דער סתירה צו דער צייט, האָט אין זיך אויסגעפורעמט. ניט קיין נול, נאָר אַ סומע.

פריער האָבן מיר אָפּט געמערקט אין מאַני לייבס לידער מענטשלעכן אומבאַוווסטזיין, געפורעמט צוזאַמען מיט קלאָרן פּאָעטישן באַוווסטזיין. איצט טרעפן מיר שוין קלאָרן באַוווסטזיין, געמישט מיט נאָך מער גע־צוימטער פּאָעטישער ראַפינירטקייט ווי פריער. ווי אַ רעזולטאַט שענקט אונדז דער דיכטער במשך פון די לעצטע דריי יאָר פון זיין לעבן די **זעכציק סאָנעטן.**

עס איז אַ מערקווערדיקער פענאָמען פון די סימבאָליסטן־דיכטער: זייער באַרג־אַרויף איז אַ פאַרהעלטנישמעסיק קורצער, דער אויפבלי אַ קורצער, און נאָר יענע פון זיי איז באַשערט ווייטער צו באַרייכערן די נאַציאָנאַלע ליטעראַטור, וואָס קענען בייקומען זיך אַליין און געפינען פאַר זיך אַן אַנדער געשטאַלטיקונג.

אַ רעאַליסט קען בלייבן כל ימיו אַ רעאַליסט, אַ ראָמאַנטיקער קען אויפהיטן זיין פּאָעטישן סטיל, אַנטוויקלען זיין זשאַנער יאָרן און יאָרן לאַנג. די טבע פון סימבאָליזם איז וואָס ער קען פאַרצערן זיך אַליין. ער קען ניט פאַרטראָגן קיין לאַנגע שפּאַנונג און קיין לאַנגן שפּאַן.

די, וואָס האָבן ניט געקענט אַריבערוואַקסן דעם אייגענעם „אַני־מאמין", האָבן אויפגעבליט און אָפּגעבליט און נאָך דעם איז זייער דיכטונג פאַר זיי געוועזן נאָר דער הייליקער אויפגעגאַנגענער טראָפּן־לעבן, אָבער קיין פול לעבן האָט עס ניט געקענט זיין. די סימבאָליסטן־דיכטער גייען אַוועק פון דער וועלט אָדער אויס סימבאָליסטן אָדער אויס דיכטער. מאַני לייב און ראובן אייזלאַנד זיינען אַוועק אויס סימבאָליסטן, זיי האָבן געשפּאַנט ווייטער. זישאַ לאַנדוי איז אַוועק צום לעבן ממש, ניט דווקא צו זיין וווּנדער.

אויך אין דעם פאַל דינט אונדז דער גוטער זכרון פון אַן ערלעכן עדות:

„איך בין שוין געוועזן", דערציילט ראובן אייזלאַנד, „ווייט אין די פערציקער, לאַנדוי קוים אַריבער פערציק. דעמאָלט האָט לאַנדוי... פאַר־דינט גוט, געהאַט אַ שיין הויז, אַ קלוג ווייב, צוויי שיינע אונטערוואַקסנ־דיקע טעכטער, געקאַכט זיך אין זילבערוואַרג, ירושה־זאַכן פון זיידעס, וואָס מען האָט אים איבערגעשיקט פון פוילן, און זילבערוואַרג, שטיינדלעך און צירונג, וואָס ער האָט איינגעהאַנדלט דאָ אין ניו־יאָרק, געלעבט ווי אַ גראַף און הנאה געהאַט פון לעבן. לידער? — באַ!... ער איז שוין

לאַנג אַרויס פון צעך". (ראובן אייזלאַנד, „פון אונדזער פרילינג", ליטע־ראַרישע זכרונות און פּאָרטרעטן, 1954).

עס ווערט דעריבער טאָפּלט וויכטיק צו פאַרשטיין מאַני לייבס אַנט־וויקלונגס־וועג; נאָר יענער וועג האָט אים אויפגעהיט איבעם צעך פּאָעטן.

יד) די שליחות פון פּאָעט

וואָס איז די שליחות פון דיכטער, מיט וואָס קומט ער אויף גאָטס ערד? אין דעם גאַנג פון מאַני לייבס לעבן זעען מיר אַלערליי אַנונגען. די יוגנט־תקופה, למשל, איז אַנדערש פון דער תקופה פון רייפקייט. נאָר אין דער גאַנצער אַנטוויקלונג איז פאַראַן אַ בינדונג. עס איז אַ קייט מיט רינגען, און די רינגען שמידן זיך צונויף, ווערן ענגער און ענגער.

אין דער פריִער תקופה פון מאַני לייבס לעבן, ווען מיר פרעגן זיך: וואָס איז דער דיכטער? מוזן מיר ניט אַנדערש ענטפערן: דער דיכטער איז אַ צויבערער, מיט זיין וואָרט און כישוף קען ער פאַרוואַנדלען די וועלט, דאָס לעבן אין שיינקייט, פרייד און וווּנדער. נאָך דעם דערפילן מיר אַן אַנדער בילד פון דיכטער — ווי אַ ברענגער פון טרייסט. דער „נאַר", דער „פייפער" קען אין אַן אומעטיקער וועלט ברענגען פרייד און טרייסט. שפּעטער אַנטוויקלט מאַני לייב די יידישע באַלאַדע־פאָרעם און ברענגט אַריין די אליהו הנביא־געשטאַלט. שוין ניט קיין פייפער, ניט קיין נאַר, נאָר אליהו הנביא, וואָס קען ברענגען היילונג און די ברכה פון לעבן.

צום סוף פירט דער דיכטער אַ חשבון פון זיין אייגענעם לעבן; דער דיכטער פאַרשטעלט זיך ניט. יאָ, ער איז אַ קהלת־זינגער און לעבנס־באַטראַכטער, אַ באַטראַכטער פון אייגענעם לעבן, ניט צו משפּטן קיינעם, נאָר זיך דעם אמת זאָגן; ער ווערט ער אַליין, אַן פאַרשטעלענישן, ניט קיין „פייפער", ניט קיין „נאַר" מכלומרשט, ניט קיין בלינדער מיט אַ טאָרבע, ניט קיין צויבערער; ער ווערט מאַני לייב בן הערש־איצע, דער גייער־מענטש, וואָס מוז זיך גרייטן צו אַ וויטער נסיעה און ער וווּנדערט זיך, וואָס פאַרגרייט ער אין וועג, וואָס לאָזט ער איבער די בני־בית. ווי פריי און פשוט ער קען דאָס ריידן וועגן זיך! ער באַטראַכט זיין ווירקלעכן גורל אַן פּאָעטישער־נאַרציסטישער נאַרעריי.

ווײל איז מיר

ניט נאָר די חכמה קומט מיט גוטער עלטער,
נאָר אויך אַזאַ געמיט וואָס לויטערט און באַרוט,
וואָס איז ווי אײַנגעשטעלטער ווײַן פון קעלטער:
זיס פאַר דעם אויג און הײטער, וואַרעם פאַר דעם בלוט.

און ווײל איז מיר, אַז איך האָב אויך אין פרײדן
פאַרזוכט דעם טעם דעם זיסן פון אַזאַ געמיט,
ווען מײנע אײניקלעך באַפאַלן זײער זײדן, —
און איך — אַך אַלטער זיץ און לאַך אין זײער מיט.

איך בין צו יענעם אַלטן דעמב געגליכן:
ביז זײַנע קני אַרומגערינגלט מיט אַ קרײַז
פון יונגע דעמבלעך, וועמעס צווײַגלעך קריכן
אַרויף, די באָרד צו כאַפּן פונעם הויכן גרײַז.

איך זיץ און לאַך מיט אַלטע מוטנע אויגן
אַריבער יונגע קעפּלעך צו דער מוטנער ווײַט,
און זע די טעג וואָס זײַנען אָפּגעפלויגן,
און טעג, וואָס קומען אָן פון יענער זײַט.

די אַלטע ליטעראַרישע ירושה פון אָן עם הספר האָט מנצח געווען דעם אײביק־יונגן מאַני לײב. די ירושה איז צום טײל תהילימדיק, מוסרדיק און זאָגעריש, דאָס הײסט היפּשלעך מאָראַליש־תכליתדיק. מיט אַ קלוגער און אָפענער קלאָרקײט זעט דער דיכטער זיך און זײַן אינעווײניקסטע וועלט און די אַנדערשקײט פון אַנדערע גרויסע דיכטער בײַ ײדן. דאָס קומט צום אויסדרוק אין אַזעלכע לידער ווי „אברהם ליעסין און איך״. עס זײַנען פאַראַן אַלערלײ שײַנקײטן און כלערלײ צויבערס, און דער דיכטער זעט דעם גרעסטן ווונדער פון אַלע ווונדערס — זיך, דעם וועג פון אַ מענטשן, וואָס האָט דורכגעמאַכט אַזוי פיל גלגולים — דער מענטש און זײַן אײגן לעבן. דער צויבערער ווערט אַ דיכטער פון אחריות. נאָר טרײַ

זיין אייגענעם וועג, זוכט ער דאָס אחריות ביי זיך, און ניט ביי יענעם; ער פאַרמאָגט אַ רשות נאָר אויף זיין אייגענעם לעבן.

דער דיכטער ווערט אַ גוטער בעטער פאַר זיך און פאַר דער וועלט, דער דיכטער אין דער ניי־אַלטער געשטאַלט פון אַ בעל־תהילים. האָט ניט דוד המלך פאַרביטן די קרוין פון אַ הערשער און פון מלכות אויף דעם צעבראָכענעם געמיט פון אַ פּראָסטן תהילים־זאָגער? לכל הפחות אַזוי האָט דאָס פאָלק געזען די דראַמע פון מענטשנס גורל, ווי דערהייבונג און באַזינונג, און ניט ווי ירידה.

ווער?...

ווער וועט אונדז טרייסטן אין אונדזערע פּיינען? —
דו וועסט אונדז טרייסטן און דו וועסט פאַרנעמען
און ניט פאַרבייגיין און ניט פאַרשעמען
אונדז, ווי מיר זיינען, קליין ווי מיר זיינען.

שטום ווי די ערד דאָ און שטום ווי דאָס שיינען
אין אונדזער נאַכט פון ניט אונדזערע שטערן, —
ווער וועט אונדז הערן? — דו וועסט אונדז הערן
שטום ווי מיר זיינען, קליין ווי מיר זיינען.

דער אַנטוויקלונגס־וועג, וואָס האָט ביי די פראַנצויזישע סימבאָליסטן געדויערט דריי דורות פון באָדלערן, דורך ווערלען ביז סאַרטערן, דער־גרייכט אויף זיין אופן מאַני לייב אין די געבענטשטע טעג פון זיין אייגע־נער באַשערטער פּאָעטישער אַנטוויקלונג.

יעדער פּאַראַלעל און פאַרגלייך מיט פראַנצויזישע אָדער רוסישע דיכטער־סימבאָליסטן וואָלטן געווען פאַלש. מאַני לייב איז אַזוי טיף אַריינגעוואַקסן אין יידישן לעבן, אַז מען קען אים פאַרגלייכן נאָר מיט זיך אַליין; דאָס הייסט, מען קען פאַרגלייכן איין תקופה אין מאַני לייבס שעפערישן וועג מיט אַ צווייטער תקופה.

אין זיין לעצטער תקופה איז מאַני לייב מער קלאַסישער דיכטער, ווי מען האָט זיך ווען געקענט פאָרשטעלן. עס קערט זיך אום צו מאַני לייבן

איין אייגנשאַפט, וואָס ער האָט בכיוון יאָרן־לאַנג פאַרלייקנט — שטילער פּאַטאָס און ליידנשאַפט. די באַלאַדע־פאָרעם האָט נאָך פריִער געגעבן זיין שאַפונג אַן עפּיש־דראַמאַטישע קוואַליטעט, דער סאָנעט האָט אויף אים נאָך מער אַרויפגעלייגט די פליכט פון פּאָעטישן צימצום, אָבער מיר פילן דעם אָטעם פון דער זעלבער דיכטערישער קוואַליטעט. ס׳איז ניט קיין אַנדער מאַני לייב! ווי קען עס זיין? ס׳וואָלט געווען אַ פאַרלייקענונג! ניט קיין פאַרלייקענונג זיינען די סאָנעטן, נאָר אַ באַיאָונג. אין די סאָנעטן ווערן איבערגעחזרט די גרונט־מאָטיוון פון פריִער.

אין זיין לעצטן סאָנעט, וואָס ער האָט געהייסן פאַרקריצן אויף זיין מצבה, זעט ער זיך אין שיין פון יידישן מיטאָס — די גרויע וואָך און דער אייביקער שבת־יום־טוב.

אויפשריפט אויף אַ מצבה

דאָ ליגט הערש איציס זון מיט שערבלעך אויף די אויגן,
באַגראָבן אין תכריכים ווי אַ שיינער ייד,
ער איז אויף אונדזער וועלט ווי אויף אַ יאָר־יריד
אַראָפּ צו פוס פון וויטן ישוב ניט־געשטויגן

פאַרקויפן ווינט. ער האָט אויף וואָגשאָל אָפּגעוויגן
זיין האָב און גוטס אַ סוחר־מוכר אַ ידיד;
און איז צו ליכט־בענטשן אַהיים געקומען מיד,
ווען ערשטע שבת־שטערן האָבן שוין פאַרצויגן

דעם הימל אויף זיין ישוב איבער אַלע יידן.
איצט ליגט ער דאָ. זיין קבר־ערד מיט גרינעם מאָך
איז אַ מחיצה צווישן אים און גרויער וואָך,
און צווישן טומל פון יריד און שבת־פרידן.

און היפשע רעשטן ווינט, וואָס איז נאָך אים פאַרבליבן,
האָט ער אין זיין צוואה קינדער אָפּגעשריבן.

וואָס מיר זעען איז: ווי דער פרייער ניט־געצוימטער גייסט פון מענטשן, אונדזער לײדנשאַפט און לוסט ווערט געלײטערט, געצוימט דורך פאָלקישער טראַדיציע, דורך מענטשלעכער אחריות און דורך דער חכמה פון לעבן. די מענטשלעכקייט ווערט ניט אָרעמער, גרויער, זי ווערט נאָך ריינער דורך נשמה־פיין און אין פרייד פון דערקענונג. חכמה און דער־קענונג שטייען ניט אין וועג פון אונדזער מענטשלעכקייט. זיי זיינען דער תוך פון אונדזער מענטשלעכקייט, אָבער נאָך מער גרונטיק איז די עמאָ־ציאָנעלע וועלט פון מענטשן. זי קומט צום אויסדרוק אין דער לירישער דיכטונג פון פּאָעט. די בלינדע ליבע און לײדנשאַפט, וואָס מיר פילן זי אַזוי שטאַרק אין זיינע ליבע־לידער, ווערט מער זעעוודיק. מאַני לייב ווייסט גוט דעם ווערט פון אַלע אַנדערע לעבנס־צוגאַנגען, ווען זיי זיינען אויטענטיש־עכט. אין זיין ליד „אברהם ליעסין און איך״ שיינט אַרויס זיין באַוווּנדערונג פאַרן דיכטער פון קדושה, דעם שריפטשטעלער, וואָס האָט אַרויסגעכישופט די היסטאָרישע געשטאַלטן פון אונדזער נאַציאָנאַ־לער פאַרגאַנגענהייט און פון אונדזער אייגענעם רעוואָלוציאָנערן הײנט. אברהם ליעסין קען אויך דאָס גליק פון זיך קענען אָפּזאָגן פון גליק. נאָר מאַני לייב ווייס אויך די ווערדע פון זיין אייגענעם טעמפּעראַמענט און זיין אייגענער באַזונדערקייט.

מאַני לייב איז געשטאַנען אויף דער שוועל פון אַ נייער היסטאָרישער תקופה; זי איז געווען זייער אַ גרויסע און וווּנדערלעכע תקופה אין דער אייראָפּעיִשער ליטעראַטור. איצט איז איינגעבראָכן געוואָרן די גרענעץ פון סטילן, זשאַנערן און אויך די גרענעץ צווישן פּראָזע און ליריק.

יעקב גלאַטשטיין איז די אַנטיטעזע פון יענער לירישער וועלט. די אַלטע פאָרמען, ווי אַ פּאָעטישע כלי זיינען צו איידל־דין פאַר דער גרוי־זאַמקייט, רוצחות און ציניזם פון אונדזער וועלט. כדי אויפצונעמען די נשמה־שטורעמס, איז נייטיק געווען אויסצובריייטערן די גרענעצן פון ליד, געבן מער גשמיות אפילו אונדזער רוחניות, כדי עס אונטערצושפּאַרן, מאַכן מער באַגלייבט. אונדזער אומגלויבן קען אַלץ פאַרווישן און אָפּווישן. די היינטיקע פּאָעזיע איז מער, קען זיין, אַ המשך פון אונדזער רייכער קלאַסישער פּראָזע, ווי פון אונדזער דיכטונג.

כדי זיך אויסצוטענהן מיטן בורא־עולם און מיטן אייגענעם געוויסן, האָט מען געדאַרפט צעברעכן די גרענעצן פון אַלע פּאָעטישע לאָווס. און

דאָך רעדט צו אונדז און מאָניעט אונדז די וועלט פון מאַני לייב, פון איציק מאַנגער און פון אברהם סוצקעווער, וואָס ווילן אויפהיטן די ממשלה פון שיינקייט אינעם תוהו ובוהו פון אונדזער לעבן. ניט צאַצקען זיך, שפּילן זיך, פֿאַראַדירן מיט דער שיינקייט, נאָר ליידן פֿאַר דער שיינקייט.

די וועלט האָט אירע ל״ו צדיקים און דער בורא־עולם האָט מסתמא יעדן איינציקן פון זיי אויסגעטיילט אַנדערע מידות טובות, און איינעם באַשענקט ער, אין יעדן דור, מיט דער גרויסער אחריות, מקיים צו זיין די מצווה, עס זאָל ניט אָפּגעטאָן ווערן די שיינקייט פון אונדזער וועלט.

מיט רעכט האָט דער דיכטער געשריבן אין איינעם פון זיינע סאָנעטן:

שטויב צו שטויב

איך בין מיין לאַנגן לעבן דורכגעגאַנגען
דורך אַלע וועגן גאַטס: דעם ברייטן וועג
פון חכמה פּשוטער פון אַלע טעג;
דעם וועג פון היכן אַנען צו דערלאַנגען

די יענע זייט — דעם וועג וואָס האָלט געפאַנגען
די אויגן פון דער וועלט אויף יענעם ברעג
פון זאַכן; אויך דעם שטרויכלענדיקן שטעג
צו זיך, וואָס ליגט אין בלינדעניש פאַרהאַנגען.

איצט שטיי איך אויפן וועג, ווו אַלע וועגן
פאַרשליסן זיך. דער וועג איז קורץ און שמאָל.
ער פירט מיך צו דעם נידער פונעם טאָל.
דאָ שמייכלט מיר אַן אייביקע אַנטקעגן

די רו. און אַלע חכמות — דריב און דרויב,
איך טרייסל אָפּ פון זיך ווי שטויב צו שטויב.

טו) די לעצטע יאָרן

די לעצטע יאָרן פון דיכטער זיינען געווען גוטע יאָרן און אויך טראַגישע יאָרן; גוט אין דעם זינען, וואָס מאַני לייב האָט באַקומען די פולע אָנערקענונג אין דער ליטעראַטור, וואָס זיין ליד איז איצט געוואָרן פולער און רייפער, וואָס ער האָט שוין אין גאַנצן באַהערשט זיין אייגענע מייסטערשאַפט. אַ ניצוץ פון יוגנטלעכן מאַני לייב איז אַלע מאָל געבליבן, זיין גבורה האָט געשטעקט אין דעם, וואָס אין לויף פון אַלע יאָרן האָט ער ניט פאַרלוירן זיין באַשערטע יוגנטלעכקייט און זיין באַזונדערן רייץ. דעם טראַגיזם האָט געבראַכט דער חורבן פון מזרח־אייראָפּעיִשן יידנטום און די זאָרג פאַרן גורל פון דער יידישער שפּראַך. וועגן חורבן האָט מאַני לייב געשריבן אין זיין סאָנעט „זיי״:

זיי זיינען דאָרט, אוי, גאָט, געווען אַ סך, אַ סך,
אַזעלכע לעבעדיקע און אַזעלכע בראַווע,
אַזעלכע שטאַלטנע, בערדיקע און קוטשעראַווע
און מיט אַ וווּנדערלעכער אויסטערלישער שפּראַך.

און זינגען פלעגן זיי פון אונטער יעדן דאַך
אַזעלכע האַפערדיקע לידער און טשיקאַווע:
פון מלך אלי־מלך און דער שיינער פאַווע,
מיט מעביר־סדרה־טראָפּ און צימבלען פון תנ״ך.

נאָר איבער זייער קאָפּ — די זון האָט נאָר געזען
די רויע גוואַלד, דעם קאַלטן מעסער ביים רוצח,
ווי ער איז איבער זיי אַראָפּ, מיט ווילדן כוח,
און ס'אַראַ מערדעריי איז דאָרט געווען!

איצט זיינען זיי אַ זכר נאָר פון יענער גוואַלד:
אַ צוויי־דריי ביימער פון אַן אויסגעהאַקטן וואַלד.

מאַני לייב האָט זיך זייער באַאומרויִקט וועגן דעם גורל פון דער יידישער שפּראַך און ליטעראַטור. צי דאַרפן מיר פאַרבאַהאַלטן די יאוש־שטימונגען פון דיכטער אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן? מאַני לייב האָט אַ מאָל געוווּסט, ווי אַזוי צו געפינען טרייסט אין דער אָרעמקייט און נויט פון „עוועניו בי״, ווי צו געפינען שיינקייט אין „הייזער אָרעמע״ — אָבער איצט, מיטן אומקום פון פּוילישן יידנטום, האָט ער געפילט איז מיט איין מאָל אויפגעקומען די גרעסטע סכנה פאַר מאַמע־לשון!

איבער אים איז געהאָנגען אַ פינצטערע כמאַרע, ניט אַזוי, וואָס זיין אייגענער גורל האָט אים באַאומרויִקט; זיין אייגענעם באַשערטן גורל האָט דער דיכטער שוין געקענט אויפנעמען רויִק. עס איז פאַראַן קלוגע, זאַטע רו און איידעלע חכמה אין מאַני לייבס שאַפונגען פון די לעצטע יאָרן. וואָס אים האָט באַאומרויִקט, איז דער גורל פון דער יידישער ליטע־ראַטור. דער דיכטער זעט ווי צוזאַמען מיט דער אויסראָטונג פון מיליאָנען פון אונדזער פאָלק ווערט מיט דער שטייגנדיקער אַסימילאַציע אויך געמאַכט אַ פאַרמעסט אומצוברענגען אונדזער נייע ליטעראַטור; צייכנס פון אומקום זעט ער אומעטום און זיין נשמה ווערט פול מיט יאוש און ביטערניש. זיין אייגענעם חשבון קען ער גוט באַרעכענען, אָבער דעם וועלט־חשבון בשום אופן ניט. אים האָט אויך געפייניקט דער געדאַנק: ווי קען אַ פאָלק אַליין אַרויסגעבן אויף זיך אַ גזר אומצוברענגען איינע פון זיינע איידלסטע און שענסטע אוצרות?

יעקב פאַט, וואָס האָט עטלעכע זומערן געוווינט אין איין הויז מיט מאַני לייבן, גיט איבער וועגן דעם אַזאַ אינצידענט:

„איין מאָל, אין מיטן נאַכט, האָט ער געשריִען, ממש געשריִען אין זיין שטילן צימער, געשריִען ביז ווייטיק: איך קום פון אַ שלעפּער־משפּחה, פון אַן אָרעמער שטוב, דורך יידיש בין איך דערהויבן געוואָרן און איך קאָן ניט איבערלעבן די פאַרשעמונג פון אונדזער לשון״. („וועקער״ פון 1טן נאָוועמבער, 1953).

אַן אַנדער אינצידענט גיט יעקב פאַט איבער אַזוי:

„ער (מאַני לייב) רעדט וועגן גורל פון יידישן פּאָעט. געוועזן שטענדיק ניט קיין געראָטענער, ניט קיין גערופענער, נאָר אַליין־געקומענער״. ער אַליין האָט דעם גרעסטן טייל פון זיין שעפערישן לעבן פאַרבראַכט ביים

שטעפּן שיך; בעסער זיין אַ שוסטער אַ פּאָעט, איידער אַ פּאָעט אַ שוסטער. מיר זיינען אָבער געווען געשיקט פון גורל, פונאַנדערצוּוויקלען פאַר דער וועלט דאָס פּנים און דאָס האַרץ פון אונדזער פאָלק, אונדזער יידישן גאַנג דורך יסורים איבער דער וועלט... וואָס פאַר אַ חילוק איז צווישן אַ יידישן און ניט־יידישן דיכטער? (האָט זיך מאַני לייב אַליין געפרעגט). דער יידישער פּאָעט קומט פון „זיידעס מידע וואָגלער מיט פאַרשטויבטע בערד, אין שטויב פון ספרים און יאַריד". און זינגען זינגט ער אויף אַ פרעמדער וועלט די טרערן פון וואָגלער אין אַ מדבר אונטער פרעמדע שטערן"

מאַני לייב האָט ניט קיין טענות, קיין תרעומות אויף זיין גורל, ווייל „וואָס בין איך געווען? פרעגט ער זיך, ווער בין איך געווען? איך בין געקומען פון אַ שטומער וועלט, געווען אַ שטאַמלער, שוין געהאַט געגנבעט פערד צוזאַמען מיט מיין פעטער, ווען איך בין געווען אַ יינגל פון עלף יאָר. און איך בין אויסגעוואַקסן צו זיין אַ פּאָעט ביי יידן".

דאָס איז געווען דער לעצטער שמועס, וואָס יעקב פּאַט האָט געפירט מיט מאַני לייבן וועגן גאולה פון וועלט און גאולה פון פאָלק, וועגן יידישער קולטור און יידישן לשון, וועגן ארץ־ישראל און גלות.

✶

די יידישע קריטיק האָט גוט אויפגענומען מאַני לייבס פּאָעטישע שאַפונגען. דאָך האָבן טייל יאָרן־לאַנג געפילט, אַז אין מאַני לייבן זיינען פאַראַן מעגלעכקייטן, וואָס זיינען נאָך ניט פאַרווירקלעכט געוואָרן.

אין יאָר 1931 האָט דער קריטיקער ב. ריווקין אַזוי געשריבן וועגן אים: „מיר שפּירן, פאַרזיגלטע צוזאָגן, פאַרחתמעטע מעגלעכקייטן ליגן אין אים געפאַנגענע. נאָר דורך עפּעס אַ גזירה, וואָס עמעצער האָט גוזר געווען, אָדער דורך אַ נדר, וואָס ער האָט אַליין אויף זיך גענומען, בלייבן זיי פאַרזיגלט — פאַרחתמעטע און ניט געעפנטע. און אָט יענער גרע־סערער מאַני לייב, וואָס מיר פילן בחוש, פאַרשטעלט פאַר אונדז דעם ווירקלעכן מאַני לייב און ער פאַרגינט אונדז ניט די פולע הנאה". (ב. ריוו־קין: „יידישע דיכטער אין אַמעריקע", ז' 165).

דער פולערער מאַני לייב אַנטפּלעקט זיך אין די 60 סאָנעטן, אַ מער רייפער, פול מיט לעבנס־חכמה, אַ באַרויקטער, הגם ניט איינגעשטילטער.

יעקב גלאַטשטיין איז גערעכט געווען, ווען ער האָט געשריבן, אַז מיר דערפילן אין מאַני לייבס סאָנעטן אויך דעם זאָגער און ניט נאָר דעם זינגער.

ווי מיר זעען אינעם ליד „אברהם ליעסין און איך", איז פאַר אים, דוכט זיך, קלאָר געווען זיין אייגענע געשטאַלט ווי אַ דיכטער; דאָך איז פאַר מאַני לייבן שווער געווען אַרויסצוגעבן די געזאַמלטע ווערק; דאָס איז מסתמא געשען צוליב דעם, ווייל ער וואָלט דורך דעם געמוזט ענד־גילטיק פאַרזיגלען זיין חותם און זיין געשטאַלט אין דער יידישער ליטע־ראַטור. דאָ, ווייזט אויס, האָבן זיך געוויזן וואַקלונגען; מאַני לייבס ניט־זיכערקייט נעמט זיך פון דער באַדערפעניש צו אַנטשיידן וועד איז ער אויף אַן אמת. צי פאַרן זיך די פאַרשיידענע תקופות אין זיין שאַפן? צי נאָך דעם, ווי ער נעמט צונויף זיין גאַנץ האָב און גוטס, פילט מען אין דעם גאַנצקייט?

דער דיכטער האָט זיך, ווייזט אויס, געחידושט, וואָס פון זיין שאַפן זאָל ער אָנערקענען ווי זיין אייגנס, ווי עפּעס וואָס ער וויל אויפהיטן, ווי זיין פּאָעטיש האָב און גאָב, און וואָס איז נאָר דאָס פאַרבייגייענדיקע, דער שוים, וואָס גיסט זיך אַריבער. מאַני לייבן איז ניט באַשערט געווען אויפצושטעלן דעם פּאָעטישן קאַנאָן פון זיין ירושה; ס'האָבן דאָס געטאָן אַנדערע געטרייע הענט; איציק מאַנגער, א. טאַבאַטשניק, נחום באַמזע, ראַשעל וועפּרינסקי. זיי האָבן אָנערקענט אַ פילאַרטיקן און פיל־פאַרשיי־דענעם מאַני לייב.

ס'איז בכן ניט קיין אַנעקדאָט, און ס'מוז זיין באַגלייבט י. באַשעוויס' אַ פאַרצייכענונג פון אַ שמועס, וואָס ער האָט געהאַט מיטן דיכטער:

„מאַני לייבס ביכער האָבן נאָך געזאָלט אַרויס ביי זיין לעבן; איין מאָל האָב איך געטראָפן מאַני לייבן און אים געפרעגט: „ווען דערשיינען אייערע ביכער?" ער האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן מיט דער כאַראַקטע־ריסטישער מאַני לייבישער פאַרווירטקייט און זיך אָפּגערופן:

— זיי וועלן ניט דערשיינען.

— פאַר וואָס ניט?

— כ'האָב אַלץ איבערגעלייענט, עס איז ניט גוט, אַ סך פֿון די לידער פֿאַרשטיי איך אַליין ניט.

איך האָב דעמאָלט געטראַכט, אַז אַ שרייבער מוז האָבן אין זיך גרויסקייט צו קענען אַזוי מאַכן אַ תל פֿון זיין לעבנסווערק. קליינע מענטשן קענען זיך ניט דערלויבן אויף אַזאַ זשעסט, אָבער דאָס איז ווייט ניט געווען קיין זשעסט. אין אַ מאָמענט פֿון ניכטערקייט האָט מאַני לייב אײַפֿגעהערט צו פֿאַרשטיין זיך אַליין, און אַזוי ווי ער איז, ווי ס'פּאַסט פֿאַר אַ קינסטלער, געווען ערלעך און אויפֿריכטיק, האָט ער דאָס מיר געזאָגט, כאָטש איך בין ניט געווען פֿון זיינע נאָענטע פֿריינד".

באַשעוויס גיט דערביי צו:

„אין זיין פּשטות איז אַלע מאָל געווען פֿון עמעצן, וואָס פֿאַרשטייט מער וויפֿל ער זאָגט. ער איז פֿרי געוואָרן באַצויבערט און פֿאַרגאַפֿט פֿון אַלץ, וואָס האָט אים אַרומגערינגלט, און דער דאַזיקער צויבער האָט זיך פֿון אים קיין מאָל ניט אָפּגעטאָן" („פֿאָרווערטס", 28 אָקט. 1956).

טז) אין דער סאַנאַטאָריע

ערב זיין יובל, ווען די יידישע קולטור־וועלט האָט זיך געגרייט פֿייערן דעם זיבעציקסטן געבוירן־יאָר פֿונעם באַליבטן דיכטער, איז מאַני לייב קראַנק געוואָרן און ער איז אַריין אין אַ סאַנאַטאָריע פֿאַר לונגען־קראַנקע. עס איז געווען אַ ווייטער וועג פֿון ניעזשין דורך לאָנדאָן קיין ניו־יאָרק ביז צו דער סאַנאַטאָריע אין די קעטסקיל־בערג פֿון ניו־יאָרק. דער דיכטער דניאל טשאַרני, וואָס איז דאָרט אויך יאָרן־לאַנג געווען אַ פּאַציענט, איז געוואָרן דער טרויעריקער עדות פֿון מאַני לייבס לעצטע טעג. ער דערציילט:

„די סאַנאַטאָריע, אַריינגעמויערט אין איינעם אַ הויכן שפּיץ פֿון די קעטסקיל־בערג, איז פֿון אַלע זייטן געווען אַרומגערינגלט מיט הויכע, גוט־איינגעפֿונדעוועטעביימער. פֿון דער ווייטנס האָט די סאַנאַטאָריע אויסגעזען ווי אַ ווייסער, קיניגלעכער שלאָס. עס איז שוין געווען אָקטאָ־בער און דער דיכטער פֿלעגט ליב האָבן שעהען־לאַנג צו שטיין ביי די פֿענצטער פֿון שפּיטאָל־צימער און באַוווּנדערן די בונטקייט פֿון דעם זון־אונטערגאַנג.

„מאַני לייב פלעגט שפּאַסן, אַז אין דער אמתן איז ער גאַרניט געקומען צו קרענקען אין דער סאַנאַטאַריע, אָדער חלילה גאַר צו שטאַרבן, נאָר כדי אָפּצוקלייבן אַ באַנד פון זיינע לידער, באַלאַדן און סאָנעטן. דער באַנד וועט דערשיינען לכבוד זיין זיבעציקסטן געבוירן־טאָג.

„יאָ, סוף דעצעמבער 1953, האָט מאַני לייב געדאַרפט אַלט ווערן זיבעציק יאָר. זיינען דאָך פאַרבליבן געציילטע וואָכן אויף אויסצוקלייבן די בעסטע באַלאַדן און סאָנעטן פאַר דעם פּראָיעקטירטן יובל־בוך".

דניאל טשאַרני דערציילט ווייטער:

„שוין איבער דרייסיק יאָר, ווי מאַני לייב האָט ניט געהאַט אַרויס־געגעבן קיין איינציקן לידערבוך, האָט ער מיטגעבראַכט אין דער סאַנאַ־טאַריע אַ פּאָר טויזנט לידער, פון וועלכע ער האָט געדאַרפט אַרויסקלייבן ניט מער ווי עטלעכע הונדערט.

דאָס שמאָלע שפּיטאָל־טישל איז געווען, פאַרשטייט זיך, צו ענג פאַר אַזוי פיל לידער, האָט מאַני לייב פאַרוואַנדלט זיין שפּיטאָל־בעט אין אַ שרייבטיש. אויף דעם ברייטן און הויכן שפּיטאָל־בעט האָט מען שוין געקענט אויסלייגן עטלעכע צענדליק לידער, פון וועלכע ער האָט געדאַרפט אויסקלייבן די שענסטע און די בעסטע. האָט מאַני לייב, ווי אַ געניטער סוחר־מוכר, וואָס גרייט זיך צו זיין יובל, מיך צוגעצויגן פאַר זיין אַרויסהעלפער. כ'ווייס ניט, צי מאַני לייב האָט מיך געהאַלטן פאַר אַ דיכטער, פאַר אַ לידער־מבין האָט ער מיך, זעט אויס, יאָ געהאַלטן".

דער ייִנגערער דניאל פלעגט זיך אָפּט בעטן ביים עלטערן מאַני לייב:

— אוי, מאַני לייב, אַ געזונט צו דיר! גיי אויף אַ ווײַלע אין בעט אַריין, ביסט מיד, מיין בלויער ריטער"; („טאָג מאָרגן־זשורנאַל" 27סטן סעפּטעמבער 1958).

עס זיינען אויפגעהיט געוואָרן עטלעכע בריוו פון מאַני לייבן און צו אים, וואָס גיבן איבער זיין שטימונג אין די לעצטע חדשים פון זיין לעבן.

אין אַ בריוו צו דוד איגנאַטאָוו און זיין פרוי איז מאַני לייב אָפּטימיס־טיש. ער דערציילט, אַז די דאָקטוירים האָבן ניט געפונען אין זייערע טעסטן קיין טובערקולאָז־באַצילן, הייסט עס, ער וועט קענען לעבן מיט געזונטע מענטשן, זאָל עס זיין, אַז ער איז געזונט און אַז ער וועט קענען פאַרלאָזן די סאַנאַטאָריע.

„האָב איך נאָך אַ מאָל געזונט צו ווערן, שרייבט מאַני לייב, כאָטש איך ווייס ניט צו וואָס איך דאַרף אין מיין עלטער פון זיבעציק יאָר געזונט ווערן פון איין קראַנקייט און וואַרטן אויף אַ צווייטער. אין מיין עלטער קומען דאָך אַלערליי קראַנקייטן — עלטער־־קראַנקייטן, וועלכע העלפן דעם מלאך המוות אַריבערפעקלען דיך אויף יענער וועלט". („צוקונפט", מערץ 1955).

ה. לייוויק דערציילט וועגן מאַני לייבס לעצטע חדשים אַזוי:

„זיין לעצטער בריוו איז פון אָנהייב סעפּטעמבער, אַ חודש פאַר זיין טויט. ער שרייבט: „אייערע בריוו דערמוטיקן מיך. זיי זענען מיר טייער. און איר אַליין ליגט דאָך קראַנק. שאַ, איר געדענקט דאָך ווי אַזוי כ'האָב אַ מאָל אַ שטאַרקן קלאַפּ געגעבן אין טיר פון אייער צימער. וווּנדערלעכע יאָרן געווען. איצט? ווי אַן אַלטער האָן האָט זיך עפּעס אין מיר פאַר־דרייט, און איך האָב בשום אופן ניט געקענט קרייען, אפילו אַ קריי, אַן ענטפער אויף אייער קריי. זייט מיר מוחל. איז אָט הויב איך אָן אַרויס־לאָזן אַ קריי, אַן ענטפער אויף אייערן, און איך זע, אַז מיין קריי גייט אַריבער אין אַ פייף.

„דורך דער צייט פון מיינע וואַנדלונגען, פון דעבאַראַ (סאַנאַטאָריע) ביז היינט, האָב איך געקראָגן אַ פּייפעניש ביים אָטעמען, דאָס איז גאָר אַ פּאַסקודנע זאַך; אין דעם חודש, וואָס איך געפין זיך דאָ, איז מיין גליק, וואָס איך האָב דאָ דניאל טשאַרנין. ער איז אַ מהיהדיקער מענטש, און איך האָב אין אים געפונען אַ טייערן נייעם פריינד.

„...דאָ אין ליבערטי־סאַנאַטאָריע הער איך אין די לאַנגע נעכט קרייען נאָענטע און ווייטע הענער. פאַר מיר הילכט זייער קרייען פול מיט עלנט, ווי אַ רוף אין מדבר. איין מאָל אין אַ נאַכט האָט די קרייעניש פון אַ האָן צעריסן מיין האַרץ...

„איך האָב געטראַכט וועגן אייך און וועגן דעם, וואָס איר פון אייער בעט, האָט געטראַכט פון מיר און גערופן צו מיר, און איך האָב ניט געענטפערט שנעל, ווייַ איז מיר. אַך, זאָל אונדז גאָט העלפן!"

אין אַן אַנדער בריוו שרייבט מאַני לייב לייוויקן:

„די טרייסט־ווערטער האָבן אין מיר אַרויסגערופן אַ זעלטענעם ציטער פון פרייד. אַ ציטער, וואָס נאָר פריינדשאַפט און נאָענטע קרובהשאַפט קען אַרויסרופן. האָב איך די פרייד פאַרטרונקען מיט אַ לייכטער טרער,

און אויפן האַרצן איז מיר געוואָרן לייכט, און די ערד אונטער מיר — געגרונטפעסטיקט.. האַלט איך אַלע אייערע טרייסטווערטער טייער און באַהאַלט פאַר זיך" („צוקונפט", נאָוועמבער 1953).

פון די אַלע ווערטער מאַני לייבס ווייט מיט צער און מיט אַנונג פון אַנקומענדיקער סכנה. און די סכנה איז געקומען און צוגענומען פון אונדז מאַני לייבן.

צוועלף ביי טאָג פונעם פערצנטן אָקטאָבער, 1953, דערציילט ווייטער דניאל טשאַרני, ווען כ'בין געשטאַנען, ווי אַ פאַרגליווערטער ביי מיין שפּיטאָל־פענצטער און געקוקט אויף די ביימער... פלוצלונג האָט פון ערגעץ־ווו אַ בלאָז געטאָן איבער די ביימער אַ האַסטיקער ווינט. צענד־ליקער טויזנטער אָפּגעפליקטע בלעטער האָבן ווי בונטע שמעטערלינגען זיך פונאַנדערגעפלאַטערט אין אַלע ריכטונגען, באַלד נאָך דעם איז געוואָרן טויט־שטיל, ווי עמעצער וואָלט פלוצלונג פאַרקלאַפּט די הימל־טיר, וואָס האָט אַנגעמאַכט דעם אומגעריכטן צוגווינט. בין איך תיכּף אַריינגעלאָפן אין מאַני לייבס צימער אַ קוק טאָן, צי ער איז נאָך אַ היגער.

„האָט דער קראַנקן־ברודער, וואָס איז דעם גאַנצן פרימאָרגן געזעסן מיט אַ תּהילים און געהיט מאַני לייבס נשמה — האָט ער צו מיר אַ זאָג געטאָן מיט פייכט־געוואָרענע אויגן:

— ניטאָ מער מאַני לייב. ער איז אָקערשט אויסגעגאַנגען.

„...מאַני לייב איז רחבותדיק געלעגן אויף זיין שפּיטאָל־בעט מיטן פּנים אַרויף. זיין אַדלערנאָז איז געווען פאַרשפּיצט צום סופיט, ווי ער וואָלט וועלן דערשנאָפּן פון דער הויך אַ ביסעלע לופט, וואָס האָט שוין אויסגעפעלט.

„האָב איך פּרובירט אַריינצופאָרן מיט אַלע מיינע פינף פינגער אין זיין טשופּרינע, ווי כ'פלעג עס טאָן יעדן אין דער פרי, וואָס ער האָט ליב געהאַט, אָבער היינטיקס מאָל האָט מאַני לייב לחלוטין ניט רעאַגירט אויף מיין שפּילערייקע מיט אים. האָב איך בשום אופן ניט געקענט פאַר־שטיין, ווי אַזוי איז דאָס מאַני לייב אין משך פון איין נאַכט ניט געוואָרן ביי מיר אונטער די הענט? ערשט פריער, שבת (דעם 3טן אָקטאָבער) איז נאָך מאַני לייב געווען פול מיט לעבן, און היינט איז ער שוין פול מיט טויט" („טאָג מאָרגן־זשורנאַל", 27סטער סעפּטעמבער 1958).

*

עלעגיעס אויפן טויט פון מאַני לייב זיינען געווען אַ סך. זיי האָבן אָפּגעשפּיגלט דאָס געבראָכענע געמיט פון די, וואָס האָבן מיט אים צוזאַמען אָנגעהויבן דעם נייעם וועג אין דער יידישער דיכטונג פון אַמעריקע.

ראובן אייזלאַנד האָט אַזוי באַוויינט זיין חבר:

„— מאַני לייב, מאַני לייב!

הערלעכער מענטש, ווונדערלעכער חבר, פּרינץ פון ליד, ערשטער פון אַ דור, שיין און באַשיינער פון אַ תקופה!

מאַני לייב, מאַני לייב!

„ערשט איצט וועט מען זיך אַרומקוקן (אויב ס'איז נאָך דאָ עמעצער, וואָס זאָל זיך אַרומקוקן), ערשט איצט וועט מען באַנעמען (אויב ס'איז דאָ עמעצער, וואָס זאָל באַנעמען), וואָס פאַר אַ ליכט דו ביסט געווען! וואָס פאַר אַ געזאַנג דו ביסט געווען, וואָס פאַר אַ געשענק דו ביסט געווען! אַ ווונדער אין אונדזער גראָער און בידנער וועלט!"

ה. לייוויק, האָט אָנגעשריבן אַ רירנדיק ליד א"נ „ביסט טאַקע איינגעשלאָפן, מאַני לייב" („אַ בלאַט אויף אַן עפּלבוים", אַרגענטינע, ז' 312).

דיין טויט באַוויין איך אויף דער דינער פּלייט פון דיינע לידער,
און מיט דער שיינקייט זייערער פאַרשטעל איך דאָס געוויין,
אין אונדזער לעצטקייט זיינען מיר געווען ווי נאָנטע ברידער,
וואָס האָבן אונדזער ליד פאַרשוואָרן ניט צו אונטערגיין.

כ'דערמאָן עס איצט ווען כ'זע דיך ליגן אינעם אָרון,
ווייל דו ביסט עס געווען אויפגעפיבערטער פּאָעט,
וואָס האָט, אין רגעס פון אַנטפּלעקטן שיינקייט־צאָרן,
בלחש וועגן אָנשרייבן דאָס לעצטע ליד, צו מיר גערעדט.

מיר זאָלן אָנטאָן אונדזער יידיש ליד אין הייליקער באַקליידונג,
צו אַכפּערן עס און צו הייבן עס אַריבער אַלע קעפּ,
אַז אונדזער האַרץ, אין גורלדיקער שעה פון אַל־צעשיידונג,
זאָל אויסקלאַפּן אין ערלעכן געוויסן זיינע לעצטע קלעפּ.

איצט קוק איך ווי דו ליגסט אַן אויסגעצויגענער אין אָרון,
און ס'ווייט אַ רואיקייט פון דיר אַזוי
ווי פון אַ יום־טוב־שלאָף. —
גייט העלער אויף דאָס ליד, וואָס האָט אונדז אַלעמען פאַרשוואָרן
צו זען אין לעצטקייט אונדזערער אַ זעונג פון אין־סוף.

צום דריטן יאָרצייט נאָך מאַני לייבן האָט די דיכטערין ראַשעל וועפּרינסקי, די פרוי פון מאַני לייב, געשריבן:

אַן אויפגעליכטיקטער ביסטו געגאַנגען
אַנטקעגן אייגענעם פאַרגיין
אין דיינע שפּעטע לידער,
ווי נאָר דו אַליין.
ביסט פאַרגאַנגען אין הוילער ליכט,
נאָר ס'בלייבט פון דיר דיין וואָרט
פון זון און זייד,
פון וואונדער איבער וואונדער...
און איצט, אַז ס'וועט דיין לייענער פאַרגיין —
וועט לייענען די לידער דיינע
גאָט אַליין!